פרשת בה"ב ||| שנת תשפ"ו לפ"ק ||| גליון קנ"א

# הבינוני

שיעורי
הרב שמעון שפיצער
שליט"א

"להבין ולהשכיל לשמוע ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים"
הבינוני
שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

באידיש

בר אבטח א
הכנה לקבלת התורה ז
נקודה למחשבה ח

## בר אבטח

### כעבד האסור בבית הבור;

קיינער אויף דער וועלט קען מיר גאָרנישט טון

חובת הלבבות שער הבטחון שיעור ע"ג, יום ראשון פרשת לך, ז' מרחשון תשפ"א

**חלק א'**

א

## בבן אדם שאין לו תשועה; זיך פאַרלאָזן אויף נאָך איינעם איז אַ סתירה מיט בטחון

**אותיות מחכימות** — חובת הלבבות

וְהַשִּׁשִּׁית, שֶׁיִּהְיֶה עִנְיַן הַבּוֹטֵחַ מָסוּר בְּיָדוֹ, וְלֹא יוּכַל אָדָם לְהַזִּיקוֹ וּלְהוֹעִילוֹ, וְלֹא לְהֵטִיב אֵלָיו וְלֹא לִדְחוֹת נֶזֶק מֵעָלָיו זוּלָתוֹ, כְּעֶבֶד הָאָסוּר אֲשֶׁר הוּא בְּבֵית הַבּוֹר בִּרְשׁוּת אֲדוֹנָיו.

וּכְשֶׁיִּהְיֶה הַבּוֹטֵחַ בִּרְשׁוּת מִי שֶׁבָּטַח עָלָיו עַל הָעִנְיָן הַזֶּה - יִהְיֶה יוֹתֵר רָאוּי לִבְטֹחַ עָלָיו.

### קיינער קען מיר נישט העלפן

מיר האַלטן ביי **די זעקסטע פון די זיבן סיבות**, וואָס דער חובת הלבבות רעכנט אויס, אַז די אַלע סיבות ברענגען אַריין אין דעם מענטש אַ געפיל פון זיך פאַרלאָזן אויף אַ צווייטן.

זאָגט דער חובת הלבבות: **וְהַשִּׁשִּׁית, שֶׁיִּהְיֶה עִנְיַן הַבּוֹטֵחַ מָסוּר בְּיָדוֹ** - די זעקסטע מהלך המחשבה וואָס מאַכט דעם מענטש זיך בוטח זיין אויף אַן אַנדערן, איז ווען די זאַכן וואָס ער וויל האָבן, זענען פולקאָם איבערגעגעבן אין יענעמ'ס הענט. דער מענטש האָט נישט קיין שום קלער אַז "יענער וויל און קען מיר גאָר שטאַרק העלפן, אָבער ס'איז דאָ נאָך איינער וואָס קען מיר אויך העלפן". נאָר ער שפּירט און ווייסט אַז **"קיינער קען מיר נישט העלפן, נאר יענער"**.

**וְלֹא יוּכַל אָדָם לְהַזִּיקוֹ וּלְהוֹעִילוֹ** - קיין שום מענטש קען אים נישט שעדיגן און נישט העלפן. **וְלֹא לְהֵטִיב אֵלָיו וְלֹא לִדְחוֹת נֶזֶק מֵעָלָיו זוּלָתוֹ** - קיינער קען אים נישט בעסער מאַכן יעצט אויף דער מינוט, און קיינער קען נישט אַוועקנעמען קיין שאָדן פון אים אויפ'ן לאַנגען טערמין.

**כְּעֶבֶד הָאָסוּר אֲשֶׁר הוּא בְּבֵית הַבּוֹר בִּרְשׁוּת אֲדוֹנָיו.** אַ ביישפּיל וואָס מ'קען זיך פאַרשטעלן, כדי דאָס גוט צו שפּירן, איז אַזויווי אַ קנעכט וואָס איז געבינדן און ער געפינט זיך אין אַ טיפע תפיסה, אין אַ לאך, וואָס איז ברשות פון זיין האר. **וואָס קען ער יעצט טון?** ער איז פאַרבינדן די הענט, ער געפינט זיך אַליין אין אַ בור, און דער בור איז ברשות אדוניו. קיינער איז נישט אין דעם בור אים צו קענען אויפבינדן זיין הענט, קיינער קען אפילו נישט אָנקומען נאָנט צום בור, ווייל דער גאַנצער תפיסה איז אין דער רשות פון זיין אדון.

אַזאַ עבד האָט נישט קיין הוה אמינא צו טראַכטן: "ווייסטו וואָס, איך וועל קלינגען מיין חבר, ער וועט שוין קומען, ער וועט שוין מאַכן"... **דער עבד האָט בכלל נישט אַזאַ נסיון,** ווייל ער ווייסט מיט אַן אמת'ע קלאָרקייט אַז נאר דער אדון קען אים העלפן. ווען אַ מענטש טרעפט זיך אין אַזאַ סאָרט מצב, האָט ער די ריכטיגע געפילן פון בטחון אויף דעם אדון.

**וּכְשֶׁיִּהְיֶה הַבּוֹטֵחַ בִּרְשׁוּת מִי שֶׁבָּטַח עָלָיו עַל הָעִנְיָן הַזֶּה** - ווען אַ מענטש ווייסט אַז קיינער קען נישט טוישן זיין מצב, ווייל ער איז אַזויווי דער עבד ברשות אדוניו, דעמאָלט **יִהְיֶה יוֹתֵר רָאוּי לִבְטֹחַ עָלָיו** - וועט ער זיך גאָר שטאַרק פאַרלאָזן אויף יענעם, ווייל ער וועט האָבן אַ קלאָרע הבנה אַז נאר יענער קען אים העלפן.

### די זעקסטע סיבה; אפילו אויב מ'האָט שוין די ערשטע פינף סיבות

די ערשטע פינף סיבות וואָס דער חובת הלבבות האָט אויסגערעכנט, זענען אַז דער מענטש זאָל שפּירן אַז (1) דער רבוש"ע האָט צו מיר **די גרעסטע אהבה וחמלה.** (2) ער איז זיך נישט מתעלם נאָר **ער וויל מיר אַלעמאָל העלפן.** (3) ער איז **שטאַרק** און האָט די מעגליכקייט אַלעס אויסצופירן. (4) ער **ווייסט דאָס בעסטע וואָס ס'איז גוט** פאר מיר. (5) ער האָט מיר **אַלעמאָל געהאָלפן ביז יעצט.**

זאָגט יעצט דער חובת הלבבות, זאָלסטו וויסן אַ יסוד: אויב אין דיין מח איז נאָך דאָ אַ מהלך אַז דו קענסט זיך בוטח זיין אין נאָך איינעם, אויסער אויפ'ן רבוש"ע, **דעמאָלט קענסטו נישט האָבן קיין אמת'ע בטחון.**

טאָמער דער מענטש שפּירט: "כ'האָב אַ נאָענטער וואָס קען מיר דאָ העלפן מיט געלט; איינער קען ערלעדיגן אַז מ'זאָל אָננעמען מיין בחור אין ישיבה; איך האָב איינעם מיט פּראָטעקציע וואָס וועט מיר אַריינשטופּן ביים דאָקטער". הרג'ט דאָס אַוועק זיין גאַנצע געפיל פון בטחון אין דעם אויבערשטן.

### אַ לאך וואו די גאַנצע בטחון רינט אַרויס

מ'האָט שוין דערמאַנט עטליכע מאָל, אַז דער חובת הלבבות רעדט יעצט נישט וועגן די מצוה און די עבודה פון בטחון, **ער רעדט בלויז וועגן 'דעם געפיל' פון זיך פאַרלאָזן אויף אַ צווייטן.** דער חובת הלבבות וויל אַז מיר זאָלן פאַרשטיין וועלכע זאַכן זענען גורם אַז דער מענטש זאָל זיך יאָ אָדער נישט פאַרלאָזן אויף אַ צווייטן.

איינער האָט אַ חבר וועלכער פאַרמאָגט אַלע פינף ערשטע סיבות אויף בטחון: דער חבר האָט אים זייער שטאַרק ליב; ער קען אַלעס אויספירן; ער טראַכט וועגן אים יומם ולילה; און ער האָט אים שוין געהאָלפן ביז היינט. אָבער דער חובת הלבבות לערנט אָפּ וויאַזוי דער

מענטשליכער מח אַרבעט: **אויב דער מענטש האָט נאָך אַ חבר וואָס קען אים אויך העלפן, דעמאָלט ווערט נפגם זיין גאַנצע צוגאַנג פון בטחון צום ערשטן מענטש!** ס'איז שוין נישט קיין ריכטיגע און אויסשליסליכע בטחון. ער וועט זיך שוין נישט אמת'דיג פאַרלאָזן בלויז אויף דעם ערשטן.

דער חובת הלבבות זאָגט אַז דאָס איז זייער אַקטועל לגבי בטחון אין דעם אויבערשטן. **ס'איז נישט גענוג צו געדענקן די ערשטע פינף סיבות פאר בטחון, ווייל ס'איז דאָ אַ 'לאך' וואו די גאַנצע בטחון לויפט אַרויס פון דאָרט.** אפילו אויב דו וועסט חזר'ן און געדענקן אַז דער אויבערשטער איז אַ כל יכול און אַ טוב ומטיב, און אפילו אויב דו וועסט זאָגן אַ גאַנצע דרשה מיט אַלע מעלות אויפ'ן אויבערשטן, מלך אדיר, מלך ברוך, מלך גדול, מלך דגול, מלך הדור, מלך ותיק, א.א.וו. אָבער אויב בשעת מעשה האָסטו עפּעס אַ מחשבה פון זיך פאַרלאָזן אויף אַ צווייטן, "אויב ס'וועט נישט אַרבעטן אויף דער וועג, האָב איך עפּעס אן אַנדערן פּלאַן", דאַן **איז דאָס אַ לאך אין דער גאַנצער בטחון,** און אַלעס רינט אַרויס פון דאָרט. דו בלייבסט איבער אָן קיין בטחון.

די זעקסטע סיבה פאר בטחון, איז אַנדערש ווי די פריערדיגע סיבות, ווייל אַלע אַנדערע סיבות רעדן זיך וועגן די מעלות און די גרויסקייט פון דעם אויבערשטן, אָבער יעצט רעדט מען וועגן די מחשבה פונעם מענטש. **אויב דו נעמסט אין חשבון אַז ס'איז דאָ נאָך איינער וואָס קען דיר העלפן, וועסטו נישט האָבן קיין בטחון,** אפילו אויב דו וועסט וויסן אַלע מעלות פונעם אויבערשטן.

ב

# לפום צערא אגרא; די גרויסע מלחמה צו געדענקן אַז 'קיינער קען גאָרנישט טון אָן דעם אויבערשטן'

## אַ שווערע עבודה

אָט די זעקסטע סיבה איז אייגנטליך אַ גרויסע עבודה. דער חובת הלבבות רעכנט דאָ אויס זיבן סאָרט מהלכי המחשבה וואָס מ'דאַרף שטענדיג טראַכטן, כדי צו ווערן אַ בעל בטחון. אָבער אויב מ'וואָלט געמאַכט אַ פאַרמעסט וועלכע ס'איז די שווערסטע פון אַלע, **איז עס די זעקסטע מהלך המחשבה וואָס איז שווערער פון אַלע אַנדערע אויף דער ליסטע.**

די ערשטע ראי' דערצו איז: **ווייל דער חובת הלבבות חזר'ט דאָס איבער איינמאָל און נאָכאַמאָל.** גלייך אין דער פתיחה פון שער הבטחון - נאָך בעפאָר מ'האָט בכלל אָנגעהויבן רעדן וואָס בטחון איז - זאָגט שוין דער חובת הלבבות אַז דער עיקר פראָבלעם פון מענטשן איז נישט אַז מ'האָט נישט קיין בטחון אין השי"ת, **דער הויפט פראָבלעם איז, אַז מ'איז זיך בוטח אין אַנדערע.** ער ברענגט דערויף אַסאַך ראיות פון פסוקים אַז די שטאַרקסטע מלחמה ליגט אין דעם ענין. דאָ דער מענטש מאַכט די מערסטע טעותים.

אַזוי אויך תיכף נאָכדעם וואָס דער חובת הלבבות ענדיגט אויסרעכענען די זיבן סיבות פאר בטחון, הייבט זיך אָן דער **פרק שלישי,** וואו ער רעדט וועגן דעם זעקסטן יסוד נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל. דער חובת הלבבות האָט פאַרשטאַנען אַז ס'איז די שווערסטע עבודה צו אויסרייסן אָט די קרומע מהלך המחשבה פון אונזער מח, ווייל אַגאַנצן צייט זענען מיר פאַרנומען צו טראַכטן: "איך וועל שוין טון אַזוי, איך וועל פּרובירן דאָס און יענץ", און ס'איז אונז גאָר שווער אויפצוגעבן אויף אַלע פּלענער און געדענקן אַז נאָר דער אויבערשטער קען אונז העלפן.

## רבון העולמים ידעתי - אַז קיינער קען מיר גאָרנישט טון

נאָך אַ ראי' אַז דער זעקסטער מהלך המחשבה איז די שווערסטע עבודה, איז פון אונזער רבי אין בטחון: דער הייליגער רבי **מאיר'ל מאַפּטא** זי"ע, וואָס האָט מחבר געווען דעם **'רבון העולמים ידעתי',** סיי אַלס אַ גילוי דעת, און סיי אַלס אַ תפלה, אַז מ'זאָל זיך דאָס יעדן טאָג איינ'חזר'ן, כדי זיך צו שטאַרקן מיט בטחון.

אַז מ'איז זיך מתבונן זיין וועט מען זען אַן אינטערעסאַנטע זאַך. ס'איז דאָך פאַרהאַן זיבן מהלכי המחשבה וואס אַ מענטש דאַרף וויסן כדי צו באַקומען בטחון, אויף וועלכע פון די זיבן סיבות האָט רבי מאיר'ל אַפּטער מתקן געווען אַז מען זאָל עס זאָגן יעדן טאָג? דוקא אויף די **זעקסטע** זאַך!

## די וויכטיגסטע און שווערסטע ידיעה

ער האָט נישט געמאַכט די תפלה אויף די ערשטע סיבה: 'רבון העולמים ידעתי, שאתה טוב ומטיב'. אָדער אויף די צווייטע סיבה: 'רבון העולמים ידעתי, שהנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל'. און אויך נישט אויף די דריטע סיבה: 'רבון העולמים ידעתי, שאתה חזק מכל חזק'. ער האָט נישט געמאַכט קיין 'ידעתי' אַז נאָר דער אויבערשטער ווייסט וואָס ס'איז מיין טובה; ער האָט אויך נישט געמאַכט קיין תפלה 'ידעתי' אַז דער אויבערשטער העלפט און באַגלייט מיר פון ווען איך בין געבוירן ביז יעצט, אין יעדן מצב'.

ער האָט נאָר געמאַכט אַ תפלה אויף דער זעקסטער סיבה: '**רִבּוֹן הָעוֹלָמִים יָדַעְתִּי - אז 'הִנְנִי בְּיָדְךָ לְבַד' איך בין בלויז אין דיינע הענט.** קיינער און גאָרנישט קען מיר העלפן, נישט קיין עצות, נישט קיין תחבולות, און נישט קיין כל יושבי תבל... סיי אויב זיי ווילן מיר העלפן: '**יַעַמְדוּ לִימִינִי לְהוֹשִׁיעֵנִי וְלִתְמֹךְ נַפְשִׁי**', קענען זיי גאָרנישט טון אן דיין הילף, מִבַּלְעֲדֵי עֶזְרְךָ וְעֶזְרָתְךָ אֵין עֶזְרָה וִישׁוּעָה. און סיי אויב סיי ווילן שעדיגן '**וְאִם חָלִילָה יַחְפְּצוּ כֻּלָּם לְהָרַע**', קענען זיי אויך גאָרנישט טון אָן דיר. אָז אַתָּה בְּחֶמְלָתְךָ תָּשִׂים עֵינֶיךָ עָלַי וְתַשְׁקִיף עָלַי לְטוֹבָה".

דוקא אויף דעם 'שישית' האט מען געדארפט מאכן א 'רבון העולמים ידעתי', ווייל **דאס איז די שווערסטע עבודה וואס א מענטש האט!** דאס איז די זאַך וואָס שטערט אים דאָס מערסטע, ווייל ער טראַכט אומאויפהערליך: "איך וועל טון אַזוי", "יענער וועט מיר העלפן", "איך וועל גיין דא אדער דארטן"... יומם ולילה איז די מחשבה פאַרקרומט אין דער זעקסטער מחשבה. און דעריבער בעט מען טאַקע ווייטער אין דעם זעלבן רבון העולמים: **לָכֵן עָזְרֵנִי רִבּוֹן הָעוֹלָמִים לִהְיוֹת עֵינַי פְּתוּחוֹת לִרְאוֹת תָּמִיד אֲמִתּוּת הַדָּבָר הַזֶּה.** מ'דאַרף האָבן אַ ספּעציעלע תפלה אַז די אויגן זאָלן דאָס קענען זען און באַמערקן אַגאַנצן צייט, ווייל ס'איז באמת אַ שווערע אויפגאַבע.

## פאַרוואָס דאַרף מען נאָר דאָס חזר'ן אומאויפהערליך?

נאָך אַ ראי' אַז די זעקסטע סיבה איז די וויכטיגסטע: ס'איז באַקאַנט וואָס דער הייליגער **תפארת שלמה** זי"ע האָט געזאָגט, אַז צו זאָגן די תפלה צוויי מאָל אַ טאָג - בבוקר און בערב - איז אַ סגולה פאר פרנסה און הצלחה.

ס'איז ברור כשמש אַז די סגולה פונעם תפארת שלמה אַרבעט, אַז אויב דער מענטש וועט חזר'ן דעם 'רבון העולמים' ביז ס'גייט אריין טיף אין האַרץ, וועט ער האָבן בטחון, **און אַז ער האָט אמונה בטחון, וועט ער ממילא האָבן אַלעס וואָס ער דאַרף!** אַ מענטש וואָס האָט די ריכטיגע בטחון איז שוין געדעקט, **ער דאַרף מער נישט קיין שום אַנדערע סגולות.** אַזוי האָט דער רבוש"ע אויסגעשטעלט דעם סדר הבריאה, ווי מ'זעט אין אַלע פסוקים.

אָבער לכאורה שטעלט זיך אַ קשיא: דער תפארת שלמה זאָגט אַז אויב מ'חזר'ט זיך גוט איין דעם 'רבון העולמים', וועט מען קונה זיין בטחון, אָבער **ווער האָט געזאָגט פאַר'ן תפארת שלמה אַז מיר וועלן האָבן די אַנדערע זעקס סיבות פאר בטחון?** אין דער תפלה פון רבון העולמים שטייט בפירוש נישט די אַלע זיבן סיבות פאר בטחון, ס'ווערט בלויז זייער שטאַרק אַרויסגעברענגט די זעקסטע סיבה פאר בטחון. **און דער חובת הלבבות זאָגט דאָך אַז מ'דאַרף יאָ געדענקן זיבן זאַכן. וואָס טוט זיך מיט די איבריגע זעקס מהלכי המחשבה?**

## דאָ ליגט אונזער טעות...

דער תירוץ איז, ווייל דער תפארת שלמה האָט זיך מתבונן געווען אין דער תפלה פון רבי מאיר'ל אַפּטער זי"ע און ער האָט געזען אַז **דאָ גרייזן מיר!** דאָ איז אונזער טעות, און ביי דער מחשבה זענען מיר פאַרדרייט. 'יעדער איד ווייסט אַז דער אויבערשטער איז 'טוב ומטיב', יעדער איד ווייסט אַז דער אויבערשטער איז 'חזק מכל חזק', **נישט דאָרט איז אונזער פראָבלעם.** אויב מען איז אויסגעהאַלטן אין די זעקסטע מהלך המחשבה, דעמאָלט וועט מען האָבן בטחון!

אויב אַזוי - זאָגט דער תפארת שלמה - איז דאָס טאַקע די גרעסטע עבודה. **מ'דאַרף דאָס חזר'ן יעדן איינציגסטן טאָג, בבוקר ובערב.** און מ'דאַרף זוכן אַלע ערליי עצות פון אונטער דער ערד, צו לוחם זיין כדי צו עררייכן די זעקסטע מהלך המחשבה, אַז מ'זאָל נישט טראַכטן די קרומע מחשבות וואָס פּרובירן אונז כסדר איינצורעדן אַז עס זענען דאָ נאָך מהלכים וויאַזוי מ'קען זיך אַליין העלפן.

## די ערשטע 'אני מאמין'

אָט די זעקסטע סיבה פאר בטחון איז געבויעט אויף דעם באַקאַנטן יסוד פון דעם **רמב"ן** (ספר האמונה והבטחון), אַז **בטחון איז די פרוכט פון אמונה.** אמונה איז ווי דער בוים, דער יסוד, און פון דעם בוים וואַקסט אַרויס די פרי וואָס הייסט בטחון. די זעקסטע מחשבה ברענגט אַרויס די אמונה אינעם מענטש, ווייל דאָס איז אייגנטליך דער ערשטער פון די י"ג עיקרי האמונה: **אני מאמין באמונה שלימה שהבורא ית"ש הוא בורא ומנהיג לכל הברואים והוא לבדו עשה ועושה ויעשה לכל המעשים.**

'הוא לבדו' איז טייטש: **איך קען נישט; מיין חבר קען נישט;** יענער וואָס האָט געלט קען נישט; דער אַנדערער וואָס האָט וויסנשאַפט און אינפאָרמאַציע קען נישט, און אויך דער וואָס האָט פּראָטעקציע קען

ניששט. **קיינער קען מיר נישט ברענגען דעם ריכטיגן שידוך!** "פרעג אים, ער איז אַ פעסטע זאַך, דו דאַרפסט אים האָבן"... **נישט אמת! ער קען מיר נישט העלפן!** ס'קען טאַקע זיין אַז צוליב דעם סדר הבריאה וועל איך גיין צו יענעם אַלס השתדלות, **אָבער מיין האַרץ פאַרלאָזט זיך נישט אַז יענער גייט מיר ברענגען די ישועה.** מ'דאַרף טאַקע טון השתדלות, אָבער מיט אַ מורא'דיגע קאַלטקייט, ווייל איך האָב בטחון בלויז אויפ'ן אויבערשטן, נישט אויף יענעם און נישט אויף גאָרנישט.

## ס'איז אַ מצוות עשה פון 'אנכי'

אָט דער ערשטער אני מאמין איז אייגנטליך אַ מצוות עשה דאורייתא, ווי עס שטייט אין די **ראשונים** (רמב"ן, חזקוני) אויפ'ן פסוק **'אָנֹכִי ה' אֱלֹקֶיךָ אֲשֶׁר הוֹצֵאתִיךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם'**, אַז דער אויבערשטער זאָגט דאָ פאַר אידישע קינדער: **פונקט ווי איך אַליין האָב דיר אַרויסגענומען פון מצרי, דאָס זעלבע וועל איך דיר ווייטער העלפן אָן קיינעמ'ס הילף.** דאָס איז אונזער מצוות עשה דאורייתא זיך צו איינ'חזר'ן יעדן אינדערפרי און ביינאַכט ביי קריאת שמע, שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד. - **אחד מיינט אַז ס'איז נישטאָ קיין אַנדערע כח וואָס קען העלפן.** נאָר ער אַליין פירט אַלעס!

מ'זעט טאַקע אַז די אַנדערע זעקס מהלכי המחשבה זענען נישט אַ חלק פון די י"ג עקרים. דער רמב"ם האָט נישט מתקן געווען אַן 'אני מאמין' אויף דעם יסוד פון 'הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל'. ער האָט אפילו נישט געמאַכט אַן 'אני מאמין' אַז דער רבוש"ע איז אַ 'טוב ומטיב'. נישט ח"ו אַז מ'קען טראַכטן אַנדערש, אָבער ס'איז נישט פון די י"ג עיקרים. בלויז דער זעקסטער מהלך המחשבה פון דעם חובת הלבבות - אַז קיינער קען גאָרנישט טון חוץ דער רבוש"ע - **דאָס האָט דער רמב"ם מתקן געווען אַלס דער ערשטער עיקר**, ווייל אַזוי הייבט מען אָן צו זיין אַ איד, אַזוי הייבט מען אָן דעם טאָג און אַזוי הייבט מען אן די נאַכט. דאָס איז דער יסוד פון אידישקייט: **נאר דער אויבערשטער העלפט, און קיינער אַנדערש קען גאָרנישט טון.**

## אַ מלחמה אויף דעם תכלית הבריאה

אויב אַזוי איז דאָך זייער פאַרשטענדליך פאַרוואָס דער יצר הרע פאַרלייגט זיך אַזוי שטאַרק דוקא אויף דער נקודה. דער יצר הרע אַרבעט נישט אַזוי שווער צו אָפּהאַלטן דעם מענטש פון גלייבן אַז השי"ת איז אַ טוב ומטיב א.א.וו. **די עיקר מלחמה פון דעם יצר איז, צו מאַכן פאַרגעסן פונעם מענטש אַז קיינער קען אים גאָרנישט טון נאר דער אויבערשטער אליין.**

דער בעל דבר ווייסט זייער גוט אַז דאָס איז די גאַנצע תכלית הבריאה. פאַרוואָס איז דאָס די תכלית פון דער בריאה? ווייל דער אויבערשטער האָט באַשאַפן אַ וועלט, וואָס דער תכלית דערפון איז געווען דער מענטש, און די תכלית פונעם מענטש איז געווען **כדי ער זאָל צוקומען צו דער השגה אַז ס'איז דאָ אַ מנהיג לבירה;** שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד; **ער זאָל לעבן מיט דער אמונה פון דעם ערשטן אני מאמין.** ווען אַ איד לעבט מיט דער אמונה, איז ער מקיים די תכלית הבריאה, אויב ער לעבט נישט דערמיט, האָט ער נישט מקיים געווען דעם תכלית. **דעריבער איז דער יצר לוחם אַז דער מענטש זאל טראַכטן "איך וועל זיך אַליין אַן עצה געבן, כוחי ועוצם ידי".** דאָס איז אַ טאָג טעגליכע שווערע מלחמה.

ג

# בתחבולות תעשה לך מלחמה; פיר סיבות פאַרוואָס ס'איז אַזאַ נסיון זיך צו פאַרלאָזן בלויז אויף השי"ת אַליין

## 'דע את האויב'

אַצינד, אַז מיר פאַרשטייען שוין אַז דאָ ליגט דער עיקר מלחמה פון דעם יצר, **דאַרף מען זיך אַוועקזעצן און אָפּלערנען די תכסיסי המלחמה.** דער כלל איז אַלעמאָל 'דע את האויב', מ'דאַרף וויסן וואָס ס'איז דעם פיינט'ס מהלכים, מיט וועלכע וואָפן באַנוצט ער זיך, און מ'דאַרף טראַכטן תחבולות וויאַזוי אים צו געוואונען.

אַז מ'איז זיך מתבונן, זעט מען אַז עס זענען פאַרהאַן **פיר עיקר סיבות** וואָס מאַכן אַז ס'זאָל אונז זיין אַזוי שווער זיך צו פאַרלאָזן בלויז אויפ'ן אויבערשטן און נישט אויף קיין אַנדערע מענטשן.

## די ערשטע שוועריגקייט - די גאַנצע בריאה שרייט פאַרקערט

די ערשטע סיבה איז, ווייל די גאַנצע מהות פון דער בריאה איז אויסגעשטעלט אַז **מ'זעט נאָכאַנאַנד וויאַזוי מענטשן טוען פעולות,** און מ'דאַרף פשוט גיין קעגן דעם גאַנצן שטראָם פון דער וועלט און זאָגן: **"איך קען גאָרנישט טון און קיינער קען גאָרנישט טון צו טוישן דעם מציאות!"** אָבער דערווייל זעט מען יעדן איינציגן טאָג פונקט דאָס פאַרקערטע. דעריבער דאַרף מען דאָס אַזויפיל חזר'ן ווייל **אפילו אויב דו האסט עס געוואוסט נעכטן, וועסטו עס נישט געדענקן אויף היינט.**

די אַנדערע יסודות האמונה איז נישט אַזוי שווער איינצו'חזר'ן. צום ביישפיל: מ'דאַרף נישט האָבן קיין גאָר טיפע התבוננות צו פאַרשטיין אַז דער רבוש"ע איז אַ 'טוב ומטיב'. **קוק אויף דער בריאה וועסטו זען בחוש אַז דער רבוש"ע איז אַ טוב ומטיב!** אודאי דאַרף מען זיך אַביסל מתבונן זיין דערין, אָבער ס'פּאָדערט זיך נישט קיין שטאַרקע התבוננות נאָכאַנאַנד.

אָבער ווען ס'קומט צו דער יסוד האמונה אַז 'קיינער קען מיר נישט העלפן און קיינער קען מיר נישט שעדיגן', שרייט די גאַנצע בריאה פאַרקערט: "איך האָב געטון... איך האָב געמאַכט... יענער איז געגאַנגען...", דעריבער דאַרף מען דאָס אַזויפיל חזר'ן און משריש זיין אין האַרץ.

## "חלום אַהער, חלום אַהין, יענער האָט מיר געטשעפּעט"...

כ'האָב געזען אַ שיינער משל וואָס ברענגט אַרויס אונזער אויפפירונג אויף דער וועלט:

יענקל קומט צו זיין חבר און באַקלאָגט זיך אַז **ער האָט גע'חלומ'ט ווי אַ געוויסער איד האָט אים זייער שטאַרק געטשעפּעט.** דער חבר הערט אים אויס און שאָקלט צו מיט'ן קאָפּ: "אָקעי, בסדר".

צומאָרגנס קומט יענקל נאָכאַמאָל צו זיין חבר: "היינט האָב איך זיך ווייטער גע'חלומ'ט ווי יענער האָט מיר גאָר שטאַרק וויי געטון. **יענער איז דאָך ממש אַן אוממענטש...** וואו איז זיינע מדות? וואו איז זיין הכרת הטוב? ווייסט וויפיל טובות איך האָב אים געטון?"...

דעם דריטן טאָג קומט ער צוריק צום חבר אינגאַנצן אויפגעברויזט: **"איך קען שוין נישט שלאָפן ביינאַכט.** איך האָב נישט קיין ישוב הדעת. וויאַזוי קענען מענטשן האָבן אַזעלכע פאַרדאָרבענע מדות? וואָס איז פשט דערפון אַז ער טשעפּעט מיר? איך דערהייב עס שוין נישט"...

דער חבר קען זיך שוין נישט איינהאַלטן און ער זאָגט אים: **"צדיק, ס'איז נאָר אַ חלום"...**

אָבער דעם פערטן טאָג קומט יענקל צוריק זאָגנדיג: "איך קען נישט מער, איך בין דאָך נאר אַ מענטש, אַלעס האָט אַ שיעור, איך קען נישט קומען צו זיך".

זאָגט אים דער חבר: "ס'איז דאך נאר אַ חלום". אָבער יענקל ענטפערט אים צוריק: **"חלום אַהער, חלום אַהין, יענער האָט מיר געטשעפּעט"...**

## היינו כחולמים - מיר לעבן ווי אין אַ חלום

ס'הערט זיך קאָמיש, אָבער **מיר טוען אייגנטליך די סאַמע זעלבע זאַך, יומם ולילה, מיט'ן זעלבן נוסח,** און ס'הערט זיך נישט אויף... **"אודאי איז אַלעס באַשערט, דער אויבערשטער טוט אַלעס, אָבער פאַרוואָס דארף מיר יענער טשעפּען?"...** דאָס מאַכט אונז ממש קראַנק און אָנגעצויגן.

דער מענטש זאָגט צו זיך אַליין: "יאָ, אָבער ס'איז נישט ער. ס'האָט גאָרנישט צוטון מיט יענעם, ס'איז נאָר אַ חלום". און ער לייגט גלייך צו: "אָבער נישט אום שבת גערעדט, פאַרוואָס איז יענער אַזאַ מושחת?"... **דאָס איז אונזער צוגאַנג אין לעבן.** ס'איז זייער שווער אַז דער מענטש זאָל לעבן מיט'ן אמת אויף אַ שטאַפּל אַז ס'זאָל אים גאָרנישט אָנגיין.

ווען מיר וואָלטן געווען אויף אַ העכערע וועלט **וואָלטן מיר געלאַכט פון זיך אַליין, פונקט ווי מיר לאַכן פון יענעם וואָס בייזערט זיך אויף זיינע חלומות.** אָבער דאָס איז טאַקע דער נסיון פון דער וועלט, אַז זאַכן זאלן אויסקוקן ווי אַן אמת'ע מציאות. מיר לעבן אין אַ וועלט וואָס איז כחלום יעוף, אָבער **ס'דאַכט זיך אונז אַז די זאַכן וואָס מיר זעען בעיני בשר זענען אמת ויציב,** כאילו מענטשן האָבן די כוחות צו טון גוטס אָדער שלעכטס. באמת זענען דאָס פוסטע חלומות. **ס'איז נאָר אַ לבוש** וואָס דער רבוש"ע האָט ספּעציעל געמאַכט כדי **מיר זאָלן זיך מתגבר זיין אויף דעם אויבערפלעכליכן בליק** און מיר זאָלן געדענקן דעם אמת אַז ס'איז נישטאָ קיין שום כח אויף דער וועלט חוץ דער רבוש"ע. דאָס איז אונזער נסיון אויף דער וועלט!

דאָס איז אַלזאָ די ערשטע סיבה פאַרוואָס ס'איז אַזוי שווער, ווייל די גאַנצע וועלט זעט אויס פונקט פאַרקערט פונעם אמת.

## די צווייטע שוועריגקייט - מיר זענען צוגעוואוינט

די צווייטע סיבה פאַרוואָס ס'איז אַזוי שווער צו גלייבן דערין, איז ווייל מיר האָבן שוין אַן אַלטן הרגל, **מיר זענען שוין צוגעוואוינט צו טראַכטן און לעבן מיט אַזעלכע סאָרט מחשבות** אַז מיר קענען זיך אַליין

העלפן אָדער אַז אַנדערע מענטשן קענען אונז העלפן.

ווי דער באַקאַנטער יסוד פונעם **אור החיים הק'** אין פרשת אחרי, לגבי שמירת עינים, אַז אויב אַ מענטש וואָלט קיינמאָל נישט געזען אָדער געטראַכט אַ זאַך וואָס ער דאַרף נישט, וואָלט ער נישט נמשך געוואָרן צו קיין נסיונות. **דער פּראָבלעם ווערט נאָכדעם, ווען ס'דרייט זיך שוין אין מח.** טאָמער דער מענטש איז שוין איינמאָל נכשל געוואָרן, **ווערט ער שוין שפּעטער נמשך צו דעם געפיל** וואָס ער האָט אַמאָל געהאַט.

דאָס זעלבע איז לגבי אמונה: מיר האָבן זיך שוין צוגעוואוינט צו טראַכטן אַז אַלעס איז געוואָנדן אין די פּעולות פון מענטשן. די מציאות פון דער וועלט זעלבסט איז שוין געווען אַ חושך, אָבער מיר האָבן נאָך צוגעלייגט נאָך אַ שיכט פון טונקלקייט דערצו... **מיר האָבן זיך שוין צוגעוואוינט צו קוקן מיט אַ קרומען בליק אויף דער וועלט**, און יעצט איז שוין אַסאַך שווערער צו גלייבן אַז ס'איז נישטאָ קיין כח אויף דער בריאה אויסער דער רבוש"ע.

## אַ מלחמה קעגן אַלטע הרגלים

מ'קען דאָס צושטעלן צום יסוד וואָס דער **הפלאה** זאָגט (הקדמה על מסכת כתובות), אַז ביי דרייצן יאָר קומט טאַקע אַריין אין דעם מענטש אַ יצר טוב, אָבער מ'זעט בחוש אַז **נאָך די בר מצוה ווערט נישט צופיל גרינגער מיט'ן מלחמת היצר.** די ערשטע וואָך נאָך דער בר מצוה איז מען נאָך אפשר אַביסל דערהויבן, אָבער נאָכדעם ווערן זאַכן שווערער. ס'איז בכלל נישט קיין לייכטע יאָרן זיך צו קריגן מיט'ן יצר הרע. זאָגט דער הפלאה אַז די סיבה דערצו איז, **ווייל דער מענטש האָט אַ ריזיגן הרגל פון די יונגערע יאָרן.** דער יצר טוב קומט טאַקע, אָבער דו ביזט געבליבן מיט'ן הרגל, כי יצר לב האדם רע מנעוריו.

ווען ס'קומט צו אמונה, האָט זיך אָנגעלייגט אויף אונזער קאָפּ **צענדליגער טויזנטער מחשבות פון היפּך אמונה!** 'צענדליגער טויזנטער' איז אַ 'לשון נקיה' ממש... ווייל **מ'כאַפּט נישט וויפיל מאָל אַ טאָג אַ מיר טראַכטן פאַרקערט ווי אַ איד דאַרף טראַכטן**, און דערפאַר איז אַזוי שווער זיך אפּצוגעוואוינען דערפון. "יענע משפּחה איז מצליח ווייל דער טאַטע איז אַ געריבענער פּאָליטיקאַנט, האָט ער אַריינגענומען זיין טאָכטער אין דעם אָפּיס און זיין זון אין אַן אַנדערן אָפּיס, בקיצור די חברה זענען מסודר, ווען מיין טאַטע וואָלט געהאַט אַ דעה וואָלט מיין משפּחה אויך געווען מסודר"... **מיר טראַכטן אַזעלכע סאָרט מחשבות יומם ולילה**, כאילו מענטשן קענען העלפן זיך אָדער אַנדערע. דאָס איז גורם אַז **אין צוגאָב דערצו וואָס די וועלט בעצם איז אַ פּלאַץ פון הסתרה, האָבן מיר צוגעלייגט אויל צום פייער**, מיט די פאַלשע געפילן אַז "יענער קען מיר העלפן, יענער קען מיר שעדיגן, יענער קען ערלעדיגן"...

## די דריטע שוועריגקייט - ס'איז נישט אַזוי געפערליך...

די דריטע סיבה וואָס האַלט אָפּ מענטשן פון געדענקן אַז ס'איז נישטאָ קיין שום כח אויף דער וועלט אויסער השי"ת, איז ווייל דער מענטש טראַכט אַז **ס'איז נישט אַזוי געפערליך** - נישט מצד אידישקייט און נישט מצד אמונה - צו טראַכטן אַז אַ צווייטער גייט מיר העלפן.

ווען איינער ווערט שטאַרק אין כעס, **פאַרשטייט ער זייער גוט** -לאחר המעשה - אַז "דאָס איז נישט געווען גוט פאר מיר, איך וואָלט דאָס נישט געדאַרפט טון".

דאָס זעלבע ווען אַ מענטש איז פאַר'דאגה'ט, וועט ער אַסאַך מאָל נאָכדעם צוריקקוקן און **זען אַז די דאגות האָבן אים גאָרנישט געהאָלפן, נאר פאַרקערט, ס'האָט אים אַראָפּגעשלעפּט.** דער נפש האדם שפּירט זיך נישט געשמאַק ווען מ'איז פאַר'דאגה'ט. דער מענטש ווייסט אַז ס'דאַרף נישט אַזוי זיין און אַז ס'איז נישט גוט. מען באַקומט נישט קיין מזון הנפש דערפון. **דאָס מאַכט אַז מ'זאָל גרינגער קענען זיך אָפּגעוואוינען דערפון**, ווייל ס'איז אַסאַך גרינגער זיך אַרויסצודרייען פון אַ זאַך וואָס מ'ווייסט קלאָר אַז ס'איז נישט גוט.

## זיך פאַרלאָזן אויף אַנדערע ברענגט פאַלשע רואיגקייט

אָבער ווען ס'קומט צו בטחון אויף אַנדערע מענטשן, ברענגט דאָס נישט קיין שלעכטע הרגשה, **אדרבה מ'האָט דערפון אַ גוטע געפיל!** ווען אַ חבר זאָגט: "דו קענסט גיין שלאָפן רואיג, ס'איז מסודר, זיי נישט באַזאָרגט איך וועל אַלעס ערלעדיגן", שפּירט דער מענטש ער האָט אויף וועמען זיך צו פאַרלאָזן, און **דאָס גיט אים אַ געוואַלדיגע עונג פאַר'ן נפש.** ער קען יעצט זיין רואיג, ס'איז אים גוט אויפ'ן האַרץ.

דוד המלך זאָגט אונז אָן: **"אַל תִּבְטְחוּ בִנְדִיבִים בְּבֶן אָדָם שֶׁאֵין לוֹ תְשׁוּעָה! טו דאָס נישט! ס'איז נישט גוט פאַר דיר.** ס'איז אַ חורבן פאר דיין רוחניות. וואו גייסטו?! דו ביזט אַנטלאָפן פונעם אויבערשטן דורכדעם! ס'איז ממש אַ געפערליכע עבירה!" - **אָבער מיר שפּירן דאָס נישט.** מיר האָבן נישט אַנטוויקלט אין אונזער הארץ אַ געפיל אַז ס'איז אַ געפערליכע זאַך זיך צו פאַרלאָזן אויף אַנדערע מענטשן.

## אָנהויבן שפּירן שלעכט פון אַזעלכע מחשבות

ביי רוב עבירות פון דער תורה שפּירט מען שלעכט ווען מ'טוט עס, אָבער **דאָ האָט מען די הרגשה אַז ס'איז נישט קיין עבירה!** מען טראַכט אַז ס'איז בסך הכל אַ גרויסע מדריגה זיך נישט צו פאַרלאָזן אויף קיין מענטש, ס'איז אפשר בעסער אַז מ'טוט עס נישט, אָבער ס'איז נישט געפערליך.

ווען מען קלינגט איינעם אַן הונדערט מאָל: "נו, ס'איז שוין מסודר?" שפּירן מיר נישט אַז ס'איז אַן עבירה. מיר שפּירן נישט אַז דאָס גייט אונז ברענגען שאָדן און ס'גייט אויפהאַלטן אונזער ישועה. אפשר טעכניש איז עס נישט אַזאַ קלוגע שריט, ווייל יענער גייט זיין אויפגערעגט אויף מיר פאַר'ן אים מוטשענען. אָבער מיר פילן גאַנץ פיין מיט זיך, און דאָס איז אַ גרויסער פּראָבלעם. מ'קען אַרבעטן יאָרן לאַנג אויף בטחון און נישט אָנקומען אין ערגעץ, ווייל מ'האָט נישט די הרגשה אַז 'זיך פאַרלאָזן אויף אַנדערע איז אַ גרויסע עבירה'. **בלויז ווען דער מענטש הייבט אָן דערהערן אַז ס'איז אַ געפערליכע זאַך, דעמאָלט קען ער זיך רוקן פאָראויס**, אַז ער זאָל טאַקע נישט טראַכטן אַזעלכע מחשבות.

## די פערדע שוועריגקייט; דער ספק פון 'השתדלות'

די פערטע סיבה פאַרוואָס ס'איז אַזוי שווער זיך נישט צו פאַרלאָזן אויף אַנדערע, איז ווייל מ'האָט אַלעמאָל אַ ספק אַז **"אפשר דאַרף איך טון די זאַך אַלץ השתדלות?"**... דער מענטש ווייסט שוין אַז ס'איז נישט גוט צו זיין אַ 'בוטח בנדיבים', אָבער ער טראַכט: "איך דאַרף דאָך טון השתדלות, לאָמיר נאָכאַמאָל אָנרופן יענעם און אים בעטן די טובה"...

דאָס איז אַנדערש ווי די דריטע סיבה. דאָרט האָט מען גערעדט אַז דער מענטש זיצט רואיג און טוט גאָרנישט, ווייל ער האָט אַ רואיגע געפיל אַז יענער וועט מיר העלפן. געווענליך שפּירט מען ניטאַמאָל אַז ער טוט אַן עבירה, און דעריבער אַרבעט ער ניטאַמאָל זיך צו טוישן. יעצט רעדט מען וועגן אַן אַנדערע פּראָבלעם: **ער ווייסט אַז מ'דאַרף זיך נאר פאַרלאָזן אויפ'ן אויבערשטן, אָבער ער האָט אַלעמאָל ספיקות:** "אפשר דאַרף איך עס טון? למעשה איז דאָך דאָ אַ סוגיא וואָס הייסט השתדלות"...

דאָ קומט אַריין די סוגיא פון "וואו איז דער ליניע פון השתדלות?" וואס ס'איז טאַקע א ברייטע נושא, אבער אט דער ספק אליין - צי מ'דאַרף טון די זאך אדער נישט - דאס מאכט אפט, אז מ'זאל זיך טועה זיין צו בוטח זיין אויף מענטשן.

# הכנה לקבלת התורה

## דתפתח לבאי באורייתא;

זיך צוגרייטן צו קבלת התורה דורך אַ ריינע הארץ

יום ראשון פרשת בהר בחוקותי כ"ה אייר תשפ"ה

א

# הוא יפתח לבינו בתורתו; רגשי הלב זענען די וויכטיגסטע זאַך פאר קנין התורה

## קונה זיין תורה דורך געפילן פון האַרץ

די **משנה** אין סוף מסכת אבות (פ"ו מ"ה) רעכנט אויס די **מ"ח דברים שהתורה נקנית בהם**, און אַז מ'איז זיך מתבונן, זענען אַ גרויסער טייל דערפון אַזעלכע ענינים וואָס האָבן צוטון מיט די הרגשים פון האַרץ: **באימה, ביראה, בענוה, בשמחה, בארך אפים, בלב טוב, וכו'.** דאָס זענען אַלעס זאַכן וואָס האָט צוטון מיט די געפילן!

אייגנטליך האָבן די אַנדערע אויסגערעכנטע זאַכן, ווי **מיעוט שיחה, מיעוט תענוג, און מיעוט שחוק**, אויך צוטון מיט די הרגשי הלב. מ'דאַרף נאר נעמען די אַלע הרגשים און זיי לייגן אויפ'ן ריכטיגן פּלאַץ. יעדער

מענטש נויטיגט זיך אין 'תענוג', דערפאַר זאָגט די משנה אַז ער זאָל נישט נעמען זיין תענוג פון אַנדערע זאַכן נאָר **ער זאָל באַקומען תענוג פון תורה**. דאָס זעלבע איז מיט '**מיעוט שחוק**' - יעדער איינער האָט אַ צורך פאַר אַ געוויסע מאָס פון שחוק, אָבער אויב מען נוצט דאָס צופיל פאַר אַנדערע זאַכן, קען מען נישט האָבן דעם געפיל צו תורה. אַזוי אויך לגבי '**מיעוט שיחה**', אַ מענטש דאַרף פאַרברענגען, ער דאַרף זיך דינגען מיט אַנדערע און אויסקלאָרן זאַכן, אָבער אויב מ'נוצט דאָס צופיל אויף גשמיות, קען מען דאָס נישט נוצן פאַר תורה.

## הצלחה בתורה האָט נישט צוטון מיט'ן מח

אַלעפאַלס, די משנה רעכנט אויס אַ גאַנצע קבוצה פון זאַכן וואָס האָבן צוטון מיט די געפילן פונעם מענטש, און **דוקא דאָס איז די וועג וויאַזוי אַ איד קען קונה זיין תורה!** דאָס איז אַנדערש ווי מיר זענען בדרך כלל צוגעוואוינט אַז כדי צו קונה זיין תורה דאַרף מען האָבן פאַרשידענע אייגנשאַפטן פונעם 'מח'...

אין די היינטיגע שפּראַך וואָלט מען געזאָגט אַז אַלס די ערשטע זאַך צו מצליח זיין אין תורה דאַרף מען האָבן דעם כח פון **קאָנצענטראַציע**, מ'זאָל זיך קענען גוט קאָנצענטרירן צו אַריינגיין אין אַ סוגיא; אַזוי אויך דאַרף מען האָבן אַ טיפע **הבנה** צו קענען מדמה זיין מילתא למילתא; און מ'דאַרף אויך האָבן אַ גוטן **זכרון**. אָבער דאָס זענען אַלע זאַכן וואָס האָבן צוטון מיט'ן מח, און ווען מ'קוקט אַריין אין די מ"ח קניני התורה, **ווערט עס בכלל נישט אויסגערעכנט!** די זאַכן שטייען ניטאַמאָל דאָרט.

ס'איז דאָ עטליכע מח אייגנשאַפטן וואָס ווערן יאָ אויסגערעכנט, ווי '**שימוש חכמים**' און '**דקדוק חברים**'. אָבער די אויבנדערמאַנטע זאַכן ווי זכרון און הבנה ווערט נישט דערמאַנט. '**מתיישב לבו בתלמידו**' איז ווייטער דאָס האַרץ... שוין אָפּגערעדט אַז '**נושא בעול עם חבירו**' איז האַרץ. אָבער די גאַנצע ליסטע וואָס אונז וואָלטן געלייגט ביים אָנהויב, שטייט בכלל נישט דאָרט...

## אמת'ע געפילן ברענגט השגת התורה

דאָ ליגט אַ געוואַלדיגע דערהער - און ווען מ'גרייט זיך צו קבלת התורה דאַרף מען דערהערן די נקודה יעדעס יאָר נאָכמער און נאָך שטאַרקער - אַז די תורה הק' איז זייער אַ טיפע און גאָר אַן איידעלע הבנה. כדי דער מענטש זאָל קענען דערהערן און משיג זיין די טיפקייט פון תורה, **דאַרף ער האָבן אַ שטאַרקע טהרת הלב!**

אודאי דאַרף מען פשוט זיצן און לערנען גמרא מיט שלחן ערוך, אָבער גלייכצייטיג **דאַרף אַ איד האָבן די ריכטיגע געפילן צו תורה**, ווייל אָט די געפילן געבן אים **דעם אמת פון דער תורה.** אָן די רגשי הלב האָט מען נישט די כלים אויף השגת התורה. אויב דו האסט נישט די איידעלע געפילן, קענסטו נישט פאַרשטיין תורה ריכטיג.

## ווען הרגשים טויגן נישט

מ'דאַרף אָביסל מסביר זיין די נקודה, ווייל אין דער תורה שטייט דאָך שטאַרקע הזהרות אַז **אַ דיין טאָר נישט מטה זיין דעם משפט צוליב זיינע געפילן**, נישט אויף איין זייט און נישט אויף דער אַנדערער זייט. ער טאָר נישט נוצן זיינע געפילן צו העלפן דעם עושר, אָבער פונקט אַזוי טאָר ער נישט נוצן זיינע געפילן צו רחמנות האָבן אויפ'ן אָרימאַן.

ביי אַ דין תורה טאָר מען נישט גיין מיט געפילן: "נעבעך דער אָרימאַן". וואָס איז דען אַ חילוק פאַר'ן עושר אויב ער וועט פאַרלירן הונדערט דאָלער, זאָל ער עס ענדערש געבן פאַר'ן אָרימאַן"... **ס'אַרבעט נישט אַזוי!** דאָס זענען אָפּענע פסוקים אין דער תורה אַז מ'דאַרף גיין מיט'ן אמת. צדקה קען מען געבן פאַר'ן קומען צום בית דין אָדער נאָכדעם וואָס מ'גייט אַרויס פון דאָרט. ווען מ'געפינט זיך ביים בית דין, **איז נישטאָ קיין שום פלאַץ אַז די נטיות הלב זאָל משפיע זיין** אויף דער הלכה. לכאורה זעט מען פון דאָ אַז **די הרגשים קענען אַמאָל פאַרדרייען דעם מענטש פונעם אמת.** וויאַזוי קען מען אַלזאָ זאָגן אַז מ'דאַרף האָבן הרגשים פאַר קנין התורה?

## גוטע געפילן און אומאויסגעהאַלטענע געפילן

די תשובה דערויף איז זייער פשוט: עס זענען דאָ געפילן וואָס ברענגען דעם מענטש **נענטער צום אמת**, און ס'איז דאָ געפילן וואָס טראָגן אים **ווייטער פונעם אמת.** די תורה רעדט וועגן אַזעלכע סאָרט געפילן וואָס לאָזן נישט טראַכטן גראַד ביי אַ דין תורה, און דאָס דאַרף מען אודאי אויסמעקן אינגאַנצן. אָבער פון דער אַנדערער זייט זענען דאָ געפילן וואָס העלפן אַז דער מענטש זאל יאָ קענען מברר זיין דעם אמת.

אפילו ביי אַ דין תורה זעט מען אַז ס'איז דאָ אַ מושג פון 'דן דין אמת לאמיתה', אָדער ווי ס'ווערט אָנגערופן אין **גמרא** (שבועות ל, ב. סנהדרין לב, א) 'דין מרומה', דאָס הייסט אַז כאָטש וואָס לויט די עדות און לויט די אינפאָרמאַציע וואָס קומט אָן צום ביי"ד דאַרף מען פסק'ענען אויף אַ געוויסע וועג, **אָבער דער געפיל פונעם דיין איז פאַרקערט**, נישט ווייל ער האָט רחמנות, נאָר ווייל **ער שמעקט אַז די אמת פון דער מעשה איז אַנדערש.** ער קען עס נישט אָנווייזן מיט'ן פינגער אָבער זיין געפיל זאָגט אים אַז איינער נאַרט דאָ אָפּ. דעמאָלט דאַרף טאַקע דער דיין זיך מסלק זיין און נישט פסק'נען דעם דין תורה.

## דאָס האַרץ שפּירט דעם אמת

וויאַזוי קען מען וויסן צי ס'איז אַ געפיל וואָס העלפט דעם אמת, אָדער ס'איז אַ געפיל וואָס טראָגט ווייטער פונעם אמת? די תירוץ איז, אַז **דאָס ווענדט זיך אין דער כוונה**, פאַרוואָס איז דער מענטש געקומען דאָ?!

אויב דער דיין איז געקומען צום דין תורה מיט אַן ערנסטע כוונה, ער האָט מתפלל געווען און ער האָט געשטרעבט אַז ער זאָל זוכה זיין צו מכוון זיין אל האמת. דעמאָלט ווען ער האָט שפּעטער אַ געפיל אַז דאָ קומט פאָר אַ 'דין מרומה' זאָל ער זיך אָפּזאָגן. אויף דעם זאָגן **חז"ל** (שבת י, א): **'כל דיין שדן דין אמת לאמתו כאילו נעשה שותף להקב"ה במעשה בראשית'**. ס'שטייט נישט בלויז 'דן דין אמת', נאָר 'אמת לאמיתה', דאָס מיינט אַז ער האָט גענומען אין חשבון אַז ס'ליגט דאָ עפּעס טיפער, אויסער די אויבערפלעכליכע אינפאָרמאַציע, **אַזאַ איינער איז שותף למעשה בראשית**, ער בויעט אויף די וועלט אויפ'ן ריכטיגן פלאַץ, ווייל ער נוצט זיין האַרץ צו דערגיין דעם גאַנצן אמת.

דאָס האַרץ פון אַ מענטש איז אַ גרויסע אינדיקאַציע. **דאָס האַרץ דערציילט אונז גאָר אַסאַך**. מ'קען דאָס אפילו זען ביי קינדער, אַז זיי שפּירן תיכף ומיד ווען די עלטערן זאָגן זיי עפּעס, אויב די עלטערן מיינען דאָס ערנסט אָדער אויב די עלטערן זאָגן דאָס סתם ווייל דאָס וועט בעסער אַרבעטן... **דאָס האַרץ, אפילו פון אַ קינד, קען שפּירן דעם אמת**, און קינדער כאַפּן דאָס אויף אין אַ סעקונדע. צוליב דעם זעט מען צומאָל אַז זיי האָבן אַ התנגדות צו אַ זאַך וואָס די עלטערן זאָגן, ווייל זיי שפּירן אַז ס'איז נישט הונדערט פּראָצענט אמת.

## בעטן אויף האַרץ אין תורה

מ'זעט טאַקע אַז ווען מ'איז מתפלל אויף תורה איז מען מתפלל: **ותן בלבינו בינה להבין ולהשכיל - הוא יפתח לבינו בתורתו.** מען בעט אויף האַרץ! **מ'זאָגט נישט הוא יפתח 'מוחינו', נאָר הוא יפתח 'ליבנו'!** ביי בריך שמיה דערמאַנט מען אויך 'יהא רעוא קדמך דתפתח ליבאי באורייתא'. די תורה האָט אין זיך אַן אמת און **מ'דאַרף האָבן אַ האַרץ צו מרגיש זיין אָט דעם אמת.** אויב מ'האָט נישט קיין ריינע האַרץ קען מען נישט באַקומען דעם אמת פון דער תורה.

די אותיות פון תורה, די סעיפים אין שלחן ערוך, און אַלעס שטייט אין ספרים הק', **זענען בלויז דער אָנהויב.** דאָס איז בלויז איין חלק פון דער השתדלות וואָס אַ איד דאַרף טון. אָבער ס'איז דאָ **נאָך אַ חלק** פון השתדלות, וואָס איז אפשר נאָך וויכטיגער, **אַז ער זאָל אָנגרייטן זיין האַרץ**, ווייל אויב האָט ער נישט קיין האַרץ, איז נישט מוכרח אַז די אַלע זאַכן וואָס ער לערנט וועלן אַריינגיין אין זיין האַרץ, און למעשה דאַרף דאָך דאָס האַרץ אַריינעמען דעם אמת פון דער תורה. **די מ"ח קניני התורה זענען מ"ח כלים וואָס בויען אויף אונזער האַרץ**, און דאָס איז טאַקע אַ לעבנ'ס אַרבעט וואָס אַ איד דאַרף עוסק זיין אַלעמאָל, צו באַקומען אַ ריינערע האַרץ פאַר תורה.

ב

# שמעתתא צריכא צלותא; אויף השגת התורה דאַרף מען האָבן שלימות הנפש

## די שמחה איז שלימות הנפש

דער **מהר"ל** אין ספר **דרך חיים**, אויף פרקי אבות, איז מסביר פאַרוואָס די מדה פון שמחה איז איינס פון די מ"ח קניני התורה, ווייל ווען אַ מענטש איז בשמחה, איז ער דעמאָלט בשלימות, און **נאָר אַזוי האָט ער די כלים צו מקבל זיין די תורה וואָס איז דער שלימות האדם.** אָבער ווען דער מענטש איז בצער, איז ער יעצט אין אַ מצב פון חסרון, דעריבער קען ער נישט זיין קיין כלי צו מקבל זיין תורה וואָס איז שלימות. **אַ צעבראָכענע כלי קען נישט אַריינעמען אַ גאַנצע זאַך.**

דער מהר"ל רעדט נישט דאָרט אַז ווען אַ מענטש איז נישט בשמחה קען ער נישט האָבן קיין השראת השכינה וכדו', ער זאָגט נאָך אַ טריט פריער: **אויב מ'איז נישט בשמחה, איז מען נישט קיין שלימות'דיגער מענטש!**

דער מהר"ל ברענגט דערצו אַ ראַי' פון דעם מאמר **חז"ל** (עירובין סה, א): **אמר רב נחמן בר יצחק, שמעתתא צריכא צילותא כיומא דיסתנא.** כדי צו קענען פאַרשטיין תורה דאַרף מען האָבן אַ קלאָרקייט ווי אַ טאָג וואָס ס'בלאָזט אַ קלאָרע צפון ווינט. מ'זעט פון דער גמרא אַז ווען אַ מענטש האָט קלאָרן דעת איז זיין האַרץ מער אָפן צו תורה. אַזוי אויך ברענגט ער וואָס די **גמרא** זאָגט (שבת עז, ב) אַז ווען רבי יהודה איז געווען בדיחא דעתיה האָט מען אים געקענט פרעגן אַלעס אין תורה. זאָגט דער מהר"ל: **'הרי לך כי בדיחות הדעת היא סיבה גדולה לתלמוד תורה'**.

## פאַר תורה דאַרף מען האָבן שלימות הנפש

אָט די שלימות הנפש פעלט אונז זייער שטאַרק. און צוליב דעם זענען אַסאַך מענטשן נישט זוכה צו

### אותיות מחכימות
מהר"ל דרך חיים פרקי אבות פ"ו מ"ז

כִּי הַשִּׂמְחָה מִדָּה גְּדוֹלָה, כִּי כַּאֲשֶׁר הָאָדָם הוּא בְּשִׂמְחָה, הוּא בִּשְׁלֵמוּת, ועי"ז מְקַבֵּל הַתּוֹרָה שֶׁהִיא שְׁלֵמוּת הָאָדָם, וְכַאֲשֶׁר הָאָדָם בְּצַעַר, אָז הוּא בְּחִסָּרוֹן אֵין מְקַבֵּל הַתּוֹרָה שֶׁהִיא שְׁלֵמוּת הָאָדָם. כְּלַל הַדָּבָר כִּי אֵין רָאוּי לָאָדָם שְׁלֵמוּת הָאֱלוֹקִי הַזֶּה, הִיא הַתּוֹרָה, כִּי אִם ע"י שִׂמְחָה שֶׁהִיא שְׁלֵמוּת נַפְשִׁי, וְכַאֲשֶׁר הָאָדָם נַפְשׁוֹ בְּשִׂמְחָה, אָז רָאוּי לְקַבֵּל נַפְשׁוֹ שְׁלֵמוּת הַתּוֹרָה.

כִּי לְעֹמֶק הַתּוֹרָה צָרִיךְ שֶׁתִּהְיֶה דַּעְתּוֹ צְלוּלָה, וְכֵן אָמְרוּ בְּפֶרֶק הַדָּר (עֵרוּבִין סה, א) אָמַר רַב נַחְמָן בַּר יִצְחָק שְׁמַעְתָּא צְרִיכָא צְלוּתָא כְּיוֹמָא דְּאִסְתְּנָא, פֵּרוּשׁ, שֶׁצָּרִיךְ שֶׁיִּהְיֶה צָלוּל בְּדַעְתּוֹ כְּיוֹמָא דְּמִנְשַׁב בּוֹ רוּחַ צָפוֹן שֶׁהַיּוֹם הוּא זַךְ וְצָלוּל בְּיוֹתֵר, וְדָבָר זֶה אֵין צָרִיךְ רְאָיָה כִּי כַּאֲשֶׁר הָאָדָם דַּעְתּוֹ צְלוּלָה לִבּוֹ פָּתוּחַ יוֹתֵר. וּבְפֶרֶק הַמּוֹצִיא (שַׁבָּת עז, ב) רַב אַדָּא אֶשְׁכַּח לְר' יְהוּדָה דַּהֲוָה קָאֵי אַפִּתְחָא דְּבֵי חֲמוּהֵי וַחֲזִיתִיהּ דַּהֲוָה בְּדִיחָא דַּעְתֵּהּ וְאִי בָּעֵי מִנֵּהּ כָּל חַלָּלָא דְעָלְמָא הֲוָה אָמַר לִי, עַד כָּאן, הֲרֵי לְךָ כִּי בְּדִיחַת הַדַּעַת הִיא סִבָּה גְּדוֹלָה לְתַלְמוּד תּוֹרָה.

דערהערן ריכטיג די תורה, און ס'איז אַ גרויסער שאָד. **אַ איד דאַרף טון פעולות וואָס זאָלן אים ברענגען כאָטש אַביסל נענטער צו שלימות הנפש.** צומאָל לייגט דער מענטש קיינמאָל נישט צו קיין קאָפּ אַז ער זאָל האָבן שלימות הנפש, וואָס דאָס וואָלט אים אַזויפיל געהאָלפן צו פאַרשטיין אַסאַך מער תורה.

יעדער ערליכער איד וויל דאך לערנען און קענען תורה. ער פאַרשטייט אַז ער דאַרף זיך זעצן לערנען מיט אַ חברותא; ער פאַרשטייט אַז ער דאַרף דאַווענען אויף הצלחה אין תורה; ער פאַרשטייט אַז כדי צו זוכה זיין צו תורה דאַרף ער האָבן די ריכטיגע ערנסטקייט ביים לערנען; ער דאַרף אינזין האָבן ביי ברכת התורה, ביי אהבה רבה און ביי אתה חונן, אָבער נישט אַלעמאָל לייגט ער צו קאָפּ אַז ס'פאָדערט זיך נאָך אַ זאַך, וואָס דאָס איז כולל אין זיך רוב פון די מ"ח קניני התורה: **עס פאָדערט זיך 'שלימות הנפש'.** ער דאַרף זיין אַ פרייליכער מענטש, אַ רואיגער מענטש און אן אויסגערוהטער מענטש.

## פּרובירן צו אַרבעטן אויף רואיגקייט

ס'איז דאָ געוויסע זאַכן וואָס דער מענטש קען אַליין טון דערצו. למשל **אַז מען זאָל זיין אויסגערוהט.** דאָס איז לכאורה אַ דבר פּשוט, אָבער ווען מען איז פאַרנומען מיט אַסאַך טרדות, לייגט מען נישט צו קיין קאָפּ דערצו. ס'קען אַמאָל זיין איינער וואָס לערנט פלייסיג מיט אן ערנסטקייט, ער איז באמת אַ מתמיד, אָבער ס'פעלט אים אַ געוויסע קלאָרקייט ביים לערנען, **פּשוט וויבאַלד עס פעלט אים אַסאַך שלאָף** און ווען מ'איז נישט אויסגערוהט איז דער נפש נישט בשלימות. ער קען לערנען און חזר'ן און עפענען ספרים, די שאלה איז: **איז ער אָנגעקומען צו שפּירן הרגשים פון תורה?** ס'קען צומאָל דורכגיין יאָרן און דער מענטש פאַרשטייט נישט געוויסע זאַכן, ווייל ער האָט קיינמאָל נישט געהאַט די ריכטיגע ישוב הדעת דאָס צו דערהערן.

אין אונזער היינטיגער דור דאַרף מען ממש לוחם זיין אויף דעם ענין. ווען אַ מענטש האָט ישוב הדעת, צוזאַמען מיט שמחה און יראה, **וויפיל זאַכן קען ער דעמאָלט דערהערן!** די תורה איז דאך אַזוי טיף. 'טיף' מיינט נישט נאר 'קצות' מיט 'נתיבות', טיף מיינט אַז עס קריכט אַריין אין די טיפסטע פלעצער פון דעם נפש.

## בטחון איז אַ געפיל פון האַרץ

נעמט למשל די מדה פון אמת'ע בטחון אין דעם רבוש"ע. **בטחון איז אַ געפיל.** דער מענטש **שפּירט** אַז ער קען געטרויען דעם רבוש"ע מיט פאַרמאַכטע אויגן. וויאַזוי ווילסטו בויען דעם געפיל נאר מיט טרוקענע אינפאָרמאַציע? **מ'קען נישט.** ס'איז אוממעגליך!

געוויס דאַרף מען לערנען בטחון, אָבער סוף כל סוף רעדט מען דאָ פון אַ געפיל, און **כדי צו באַקומען דעם געפיל דאַרף דער מענטש האָבן אַן אינערליכע קלאָרקייט מיט רואיגקייט.** ער דאַרף זיין נזהר אַז דאָס עסן זאָל אים נישט מאַכן מיד, ער זאָל נישט רעדן צופיל, ער זאָל נישט שלאָפן צו ווייניג, כדי אַז ס'זאָל נישט ווערן אַוועקגענומען זיין ישוב הדעת. און אודאי דאַרף מען זיך היטן פון עבירות וואָס זענען גורם אַ טמטום הלב. אויך ווען מען שלאָפט צופיל ווערט מען אויך פאַרמאַטערט. דער מענטש דאַרף האָבן **די ריכטיגע באַלאַנס פון ישוב הדעת, שמחה און רואיגקייט** און דעמאָלט קען ער דערהערן די השגת התורה וואָס זענען אים אַזוי וויכטיג.

בדרך כלל ווען מ'הערט אַז די תורה איז טיף, מיינען מענטשן אַז מ'רעדט דאָ פון די ישיבה'שע עיון מיט לומדות. אָבער באמת רעדט מען וועגן **זאַכן וואָס זענען דיר נוגע טאָג טעגליך.** צום ביישפיל בטחון איז אַ געפיל וואָס מ'דאַרף אַרבעטן צו שפּירן מער און מער. געוועינליך פילט עס דער מענטש נאר אין געוויסע מצבים, ווען ער זעט ממש אָפן ווי דער אויבערשטער האָט אים געהאָלפן. דאָס דינט אים אויף אַ שטיקל צייט צו האָבן דעם געפיל, ווייל ער קען זיך דערמאַנען אַגאַנצן צייט: "געדענקסט, דער אויבערשטער האָט מיר אַזוי שטאַרק געהאָלפן דעמאָלט. נאר דער אויבערשטער האָט געוואוסט וואָס איך דאַרף און ער האָט מיר אינזין געהאַט". מ'דאַרף אָבער אַנטוויקלען דעם געפיל אַז מ'זאָל דאָס אַלעמאָל שפּירן.

## מאַכן דעם נפש אַ כלי פאר הייליגע הרגשים

דאָס זעלבע איז מיט אהבת ה'. **די מדה פון אהבה איז אַ געפיל** און מ'דאַרף בויען דעם געפיל. די אלף בית צו אַנטוויקלען געפילן פון אהבה איז צו **מאַכן דעם נפש אַלץ אַ כלי דערצו, דורך זיך דערווייטערן פון פיזור הנפש און פיזור השכל.** ווען אַ מענטש איז נישט מיושב קען ער נישט האָבן קיין אמת'ע אהבה, ווייל זיין מח איז צעטיילט אויף זייער אַסאַך פלעצער. ער איז געבליבן מיט נאר איין שטיקל נפש, און דאָס אויך נאר אויף פינף מינוט...

עס זענען דאָ אַזויפיל געפילן וואָס זענען ממש פון די יסודות אין אידישקייט: אהבת ה', יראת ה', בטחון, שמחה של מצוה, ענווה, א.א.וו. **דאָס זענען אַלעס הרגשים!** און אַ איד דארף אָנקומען צו אַ פלאַץ אַז **ער זאָל האָבן די אַלע געפילן מיט אַן אמת.** נישט ווי אַ כוואַליע וואָס גייט אַריבער, ווי מ'זאָגט אַמאָל אויף אַ מענטש "ער איז אן עמאָציאָנאַלער כאַראַקטער, ער ווערט שנעל איבערגענומען פון הרגשים"... **דאָ רעדט מען וועגן אמת'ע בינת הלב,** וואָס זאָל באמת איבערנעמען און טוישן דעם מענטש.

אַסאַך מענטשן קענען מעיד זיין אַז ווען זיי האָבן געהערט אַמאָל אַ וואָרט וואָס איז געווען נוגע פאר זייער פערזענליכע דורכגאַנג מיט'ן יצר הרע, האָט דאָס זיי אַזוי שטאַרק אָנגערירט אין אַ טיפע פינטל, ס'האָט גערעדט צו זייער נשמה אַריין, אַז זיי האָבן ממש געלאָזט טרערן דערפון. **דאָס הייסט 'בינת הלב' וואָס איז אַסאַך שטאַרקער פון די הבנה פונעם מח.**

ג

# נשקו בר; דער וועג וויאַזוי צו אַנטוויקלן און בויען אַ ריינע הארץ

## דער איסור עשיית מלאכה איז אַ חלק פון דער כפּרה

וויאַזוי אַנטוויקלט מען אָט די געזונטע הרגשים? ווי דערמאַנט איז דאָ איין מהלך אַז מ'דאַרף טון אפילו אַלע טעכנישע זאַכן צו זיין רואיג און בשמחה, כדי צו קענען האָבן די ריכטיגע שלימות הנפש. אָבער ס'איז דאָ נאָך מהלכים דערצו.

מ'קען צושטעלן דערצו וואָס עס שטייט אין **אור החיים הק'** פּרשת אמור, ביי די פּסוקים וואו די תורה זאָגט אַז יום כיפּור טאָר מען נישט טון קיין מלאכה. **אַךְ בֶּעָשׂוֹר לַחֹדֶשׁ הַשְּׁבִיעִי הַזֶּה יוֹם הַכִּפֻּרִים הוּא וגו' וְכָל מְלָאכָה לֹא תַעֲשׂוּ בְּעֶצֶם הַיּוֹם הַזֶּה.**

אויבנאויף קוקן מיר אָן דעם איסור עשיית מלאכה פון יוה"כ אַז דאָס איז אַ זייטיגע זאַך וואָס האָט נישט צוטון מיט די כפּרה פון יום כיפּור, נאר ס'איז פּונקט ווי אַלע אַנדערע ימים טובים וועלכע זענען אסור בעשיית מלאכה. ס'קען זיך דאַכטן אַז די כפּרה קומט נאר פון דעם תענית און פון דעם עיצומו של יום, אָבער דער אור החיים הק' איז מדייק דעם **'ואו'** פון 'וכל מלאכה לא תעשו', אַז **די שביתה ממלאכה איז אויך אַ חלק פון דעם כפּרה!**

מ'זעט טאַקע אַז דער עונש פאַר'ן טון אַ מלאכה יוה"כ איז כרת, אַנדערש ווי אַנדערע ימים טובים. דאָס ווייזט אַז דער איסור פון עשיית מלאכה האָט אַ שייכות מיט די אַנדערע איסורים פון יוה"כ וואָס זענען באיסור כרת.

## ווער נישט פאַרנומען מיט אַנדערע זאַכן...

דער אור החיים הק' איז דאָס מסביר, אַז אין דעם הייליגן טאָג פון יום כיפּור איז דער רבוש"ע צוזאַמען מיט אידישע קינדער און דורכדעם באַקומט מען אַ כפּרה פאר די עבירות. דעריבער זאָגט די תורה הק' אַז **ווען דו ביזט מיט'ן אויבערשטן זיי נישט יעצט מסיח דעת און זיי נישט יעצט פאַרנומען מיט'ן טון מלאכות!** אויב דו וועסט טון אַ מלאכה ביזטו יעצט אַוועקגעגאַנגען פונעם רבוש"ע.

מ'זאָגט פאַר'ן מענטש: די גאַנצע מחילה וכפּרה פון יום כיפּור איז וויבאַלד דו ביזט יעצט נאָנט מיט'ן אויבערשטן, דו קוקסט כביכול נאר אויף אים, אין אַ בחינה פון 'אני לדודי ודודי לי', ווי ס'שטייט אין שיר השירים (ו, ה): **הָסֵבִּי עֵינַיִךְ מִנֶּגְדִּי שֶׁהֵם הִרְהִיבֻנִי.** ווען מ'קוקט אַריין אין די אויגן ווערט מען זייער איבערגענומען, און **דורכדעם איז דאָ אַ כפּרה.** אָבער ווען דו טוסט אַ מלאכה, ביזטו נישט יעצט אין יום כיפּור, דו ביזט אַוועקגעגאַנגען...

## אותיות מחכימות

אור החיים הק׳ אמור

וְכָל מְלָאכָה וְגוֹ׳ כִּי יוֹם כִּפּוּרִים וְגוֹ׳. נְתִינַת טַעַם זֶה הוּא עַל דֶּרֶךְ מַה שֶּׁאָמְרוּ בְּסוֹטָה דַּף מ׳ שֶׁאֵין אוֹמְרִים פְּסוּקִים כְּשֶׁהַכֹּהֲנִים מְבָרְכִין אֶת הָעָם וְהַטַּעַם אָמְרוּ וְזַ״ל כְּלוּם יֵשׁ עֶבֶד שֶׁמְּבָרְכִין אוֹתוֹ וְאֵינוֹ מַאֲזִין ע״כ, וּלְדֶרֶךְ זֶה אָמַר וְכָל מְלָאכָה לֹא תַעֲשׂוּ, וְהַטַּעַם כִּי יוֹם כִּפֻּרִים הוּא פֵּרוּשׁ כִּי עֲצוּמוֹ שֶׁל יוֹם מְכַפֵּר וְיֵשׁ לְךָ אָדָם שֶׁהַזְּמַן מְכַפֵּר עָלָיו וְהוּא עָסוּק בִּמְלַאכְתּוֹ, וְהַמַּשְׂכִּיל עַל דְּבַר עֲצוּמוֹ שֶׁל יוֹם לְבָבוֹ יָבִין הַמְכַפֵּר כִּי הוּא אָדוֹן הַמֵּאִיר הַיּוֹם לְסַגֵּל סֶגֶל דָּבָר זֶה.

## כלום יש עבד שמברכין אותו ואינו מאזין?

דער אור החיים הק׳ ברענגט דערצו אַן אינטערעסאנטע צושטעל: אין מסכת סוטה (מ, א) איז דאָ עטליכע שיטות פון תנאים און אמוראים אַז מ׳זאָל ענטפערן פסוקים בשעת די כהנים בענטשן ברכת כהנים. אָבער די גמרא פירט אויס אַז מ׳זאָל עס נישט זאָגן ווייל **כלום יש עבד שמברכין אותו ואינו מאזין?** דער האַר איז יעצט מיט דיר, און דו זאָגסט מיר פסוקים? זאָג יעצט גאָרנישט, קוק מיט דיינע רוחניות׳דיגע אויגן, מיט דעם טלית אַראָפּגעשלעפּט, און זיי מקבל די ברכה.

ברכת כהנים איז דאָך אַ געוואַלדיגע עת רצון. דער אויבערשטער וויל דיר יעצט אַרומנעמען און ווייזן זיין אהבה, ער וויל זיין מיט דיר. זאָג נישט גאָרנישט בשעת מעשה, ס׳פּאַסט נישט. אויב דו זאָגסט אַנדערע זאַכן, ביזטו נישט גענוג אַ גוטע מקבל.

דאָס דערמאַנט אַביסל דער באַקאַנטער כלל וואָס דער **ר״ן** זאָגט אין **נדרים** (ל, א) אַז אויב אַ פרוי וויל זיך משתתף זיין אין דעם קנין הקידושין, איז דאָס אַ פּראָבלעם פאַר׳ן גאַנצן קידושין, ווייל דער פסוק זאָגט ׳כי יקח איש אשה, ולא כי תלקח אשה לאיש׳. **טו נישט, העלף נישט, זיי בלויז דאָרט צו מקבל זיין.** נעם איבער די קידושין און זיי בטל אינגאַנצן.

אַזאַ סאָרט בחינה זאָגט דער אור החיים הק׳ לגבי ברכת כהנים. דער **ביאור הלכה** (או״ח סימן קכח) ברענגט פון ספר **חרדים** אַז דער ישראל איז אויך מקיים אַ מצוות עשה דאורייתא ווען ער שטייט און איז מקבל די ברכת כהנים, ווייל דאָס איז זיין עבודה: **צו מקבל זיין.** און דערפאַר זאָגט די גמרא אַז ווען דו נעמסט, זאָלסטו טאַקע נאר דאָס טון. העלף נישט דעם כהן מיט׳ן זאָגן אייגענע פסוקים. אַזוי ווערט אַ קנין און אַזוי ווערט אַ דביקות, **דוקא דורכדעם וואָס דער מקבל טוט גאָרנישט!**

## ס׳איז אַ גרויסע קונץ צו זיין אַ מקבל

שטעלט זיך פאר אַז מ׳זעט אַמאָל אַ מענטש וואָס איינער האָט אים ממש אָנגעזידלט ברבים, אָבער ער האָט גאָרנישט געענטפערט. ער איז געבליבן פולקאָם רואיג, אן אפילו טוישן קאָליר, כאילו ס׳האָט גאָרנישט פּאַסירט.״

שפּעטער פרעגט אים איינער: ״וויאַזוי האָסטו דאָס געמאַכט? וויאַזוי קומט מען אָן צו אַזאַ דרגא? נישט נאר וואָס דו האסט גאָרנישט געענטפערט נאר כ׳האָב געזען אַזאַ מנוחה אויף דיין פּנים״ און יענער ענטפערט אים: ״וואָס הייסט וויאַזוי איך האָב דאָס געמאַכט? איך האָב דאך גאָרנישט געטון״... וואָס איז אָבער דער אמת? **אוי האָט ער געטון!** דער איד האָט דאָ גענוצט אויסטערלישע כוחות הנפש צו קענען זיין אַזאַ שטאַרקער מקבל!

דאָס זעלבע איז לענינינו, ווען מ׳רעדט איבער דעם נאָענטקייט מיט׳ן רבוש״ע. **צו קענען זיין אַזאַ שטאַרקער מקבל אן גאָרנישט זאָגן, דאָס איז אַ כח!** דאָס איז נישט קיין טרוקענע זאַך. ווען איינער שטייט ביי ברכת כהנים שטילערהייט און ער איז מקבל די ברכה, ער זאָגט גאָרנישט, ער איז בלויז מקבל, איז ער יעצט עוסק אין דביקות מיט׳ן רבוש״ע.

זאָגט דער אור החיים הק׳ אַז דאָס זעלבע זאַך איז יום כיפּור, **דער ׳נישט טון קיין מלאכה׳, דאָס אַליין איז אַ געוואַלדיגע דביקות אין דעם רבוש״ע.** אין אַ געוויסע בחינה שפּילט זיך דאָס אָפּ יעדן שבת. דער ענין פון ׳כאילו כל מלאכתך עשויה׳ איז אַ געוואַלדיגער כח.

## טהרת הלב דורך הייליגע הרגשים

ווען מען פאַרשטייט די נקודה, קען דאָס אַסאַך העלפן צו ריכטיג מקבל זיין די תורה: **כדי צו באַקומען אַן אמת׳ע השגה אין תורה דאַרף מען דאָך האָבן טהרת הלב.** באמת דאַרף מען דערצו טון נאָכאַנאַנד תשובה, חרטה און וידוי, נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, אַזוי רייניגט מען דאָס האַרץ ווי מיט זייף. אָבער צומאָל קען דער מענטש טראַכטן אַז וויפיל ער וועט נאר אַרבעטן וועט ער נישט אָנקומען גענוג. דאָס זעלבע איז מיט די מ״ח קניני התורה. מ׳דאַרף אַרבעטן אויף אַזויפיל זאַכן; אויף שמחה, אויף ישוב הדעת, אויף ענווה, אויף בינת הלב, א.א.וו. און ס׳קוקט אויס ווי זייער אַ לאַנגע וועג.

אָבער ס׳איז דאָ אַ בחינה ווען אַ איד טרעפט זיך כביכול מיט׳ן רבוש״ע און **דעמאָלט באַקומט ער אויטאָמאַטיש אַ טהרת הלב פון אויבן.** דער אויבערשטער שיינט אויף אים, דער אויבערשטער איז מטהר זיין האַרץ, ווי רבי עקיבא זאָגט: **אשריכם ישראל - ומי מטהר אתכם אביכם שבשמים.** דער אויבערשטער איז מטהר דאָס האַרץ פון אַ איד, און די וועג אָנצוקומען דערצו איז **דורכדעם וואָס דער מענטש איז מיט׳ן רבוש״ע, ער קאָכט זיך מיט׳ן רבוש״ע, ער פריידט זיך מיט׳ן רבוש״ע.**

נישט אַלעמאָל איז ׳סור מרע׳ די איינציגע מהלך צו באַקומען טהרת הלב. אַסאַך מאָל איז דער וועג צו בויען טהרת הלב מיט הרגשים פון קדושה, און **דורכדעם ווערט שוין דאָס האַרץ ממילא גערייניגט.** ווי צדיקים האָבן געטייטשט: ׳סור מרע ועשה טוב׳, אַז **מ׳קען מאַכן סור מרע דורך עשה טוב!** ווען אַ מענטש איז נאָענט מיט׳ן רבוש״ע, ער טאַנצט מיט אים, ווערט מען דורכדעם געהייליגט. דערפאַר איז טאַקע ל״ג בעומר אַ געוואַלדיגע הכנה אויף שבועות, ווייל **אידן באַקומט אַ טהרה דורך די ריקודים:** ׳אשריכם ישראל לפני מי אתם מטהרין׳. מ׳רייניגט זיך אויף אַזאַ סאָרט אופן!

## דער זוהר הק׳ איז אַ פּירוש אויף ׳אשריכם ישראל׳

אַ איד האָט מיר געזאָגט אַ געוואלדיגע דערהער: דער כלל איז, אַז אַ **תלמיד קען מסביר זיין במשך גאַנצע שעות איין וואָרט וואָס זיין רבי האָט געזאָגט.** די סיבה דערצו איז ווייל דאָס אַרבעט ווי חכמה מיט בינה. חכמה איז אַ בליץ וואָס ס׳ליגט שוין דאָרט אַלעס, אָבער דער תלמיד איז דער מקבל, ער איז מבין דבר מתוך דבר און ער איז דאָס מרחיב און מסביר מיט אַ ברייטקייט.

רבי עקיבא האָט געזאָגט אַ מימרא ׳אשריכם ישראל׳, איז דערנאָך געקומען זיין תלמיד, רבי שמעון בר יוחאי, און ער האָט מגלה געווען אַ גאַנצן זוהר הק׳ צו מסביר זיין וואָס איז קדושת ישראל, וואָס איז מצוות, וואָס איז די אהבה פון דעם אויבערשטן צו אידישע קינדער. **זכאין אינון ישראל.** דעריבער, אום ל״ג בעומר ווען מען ענדיגט דעם זוהר הק׳ קוקט מען צוריק און מ׳זאָגט: **אָה, יעצט האָבן מיר פאַרשטאַנען וואָס דער רבי האָט געזאָגט ׳אמר רבי עקיבא אשריכם ישראל׳!** יעצט קען מען טאַנצן נאָכ׳ן לערנען דעם הסבר.

## מ׳דאַרף בלויז אַרויסברענגען די אינערליכע קדושה

אַלענפאַלס, אַ איד קען זיך מטהר זיין דורך דעם ׳אשריכם ישראל׳. צדיקים האָבן געזאָגט אַז **אמירת זוהר הק׳ איז מטהר דאָס האַרץ.** פאַרוואָס? ווייל מ׳קען באַקומען געפילן פון קדושה ווען מ׳ווייסט די גרויסע אהבה וואָס דער אויבערשטער האָט צו אידישע קינדער. דו ביזט זיך מטהר דורך דעם ׳מקוה ישראל ה׳, דו הייבסט אן פאַרשטיין וואָס הייסט אַ איד, וואָס הייסט אַ מצוה, וואָס הייסט אורייתא וישראל וקוב״ה חד הוא. **אָט די געפיל, די קאָך, און די טענץ, ברענגט אויטאָמאַטיש אַ טהרת הלב.** דאָס אַנטוויקלט אַ שמחה און עס נעמט אַראָפּ אַלע טמטום הלב און אַלע נישט גוטע זאַכן, און דעמאָלט קומט אויטאָמאַטיש אַרויס דער ׳נושא בעול עם חבירו׳, ווי דער אַלטער באַוואוסטער כלל: דו דאַרפסט נישט אַריינברענגען די הרגשים פון אינדרויסן, **דו דאַרפסט בלויז אַראָפּנעמען די לבושים און אַרויסברענגען מכח אל הפועל די הרגשים וואָס ליגן שוין ביי דיר!**

## אַן אַרבעט פון 48 יאָר...

אויב וועט דער מענטש דאַרפן אַרבעטן אַ יאָר אויף ׳נושא בעול עם חבירו׳, און נאָכדעם אַ יאָר אויף ׳שמחה׳, און אַ יאָר אויף יעדע פון מ״ח קניני התורה, **וועט אים געדויערן אַכט און פערציג יאָר אָנצוקומען דאָרט.** וואָס וועט זיין ביז דעמאָלט? נעמט אין אַכט אַז מ׳הייבט אן נאָך די בר מצוה...

די תשובה איז, אַז ווען אַ מענטש ווערט ריין, ער ווערט נאָענט מיט׳ן רבוש״ע, **דעמאָלט וועלן די אַלע מ״ח קניני התורה אַרויסשפּראָצן פון זיין אייגענע נשמה.** די אַלע זאַכן געפינען זיך שוין יעצט ביי אים, עס דאַרף נאר אַרויסקומען מכח אל הפועל. אין דער מינוט וואָס ער האָט אַ טהרת הלב, וועט ער שוין ממילא קענען דערהערן אַ יסוד אין תורה, ער וועט קענען טראַכטן ריכטיג וויאַזוי זיך צו פירן.

דעריבער איז ל״ג בעומר אַ גרויסע הכנה אויף צו שבועות. **די תורת הנסתר ברענגט אַריין אַזעלכע הרגשים אַז די קבלת התורה זאל נישט זיין טרוקן.** עס בויעט אויף אַ טהרת הלב. אַזוי אויך די גאַנצע ימי הספירה - ווען מען אַרבעט אויף תיקון המדות - איז איינגעטיילט אויף אַ סדר פון **׳לב טוב׳**, 32 טעג פאַר ל״ג בעומר און 17 טעג נאך ל״ג בעומר, ווייל אין די טעג בויעט מען א לב טוב, מען בויעט כלים צו האבן אַ ריינע הארץ פאר קבלת התורה.

## מאַכן דאָס האַרץ פאר אַ כלי

אויף אַ פּראַקטישן אופן איז וויכטיג צו געדענקן, אַז איינס פון די זאַכן וואָס אַ מענטש קען טון ווען ער האָט נישט די ישוב הדעת צו לערנען, איז **צו נוצן זיין האַרץ.** דורכדעם מאַכט מען אַ געוואַלדיגע גרויסע הכנה צו קבלת התורה.

למשל ווען ער טוט אַ טובה פאר אַ צווייטן, ווען ער איז ׳נושא בעול עם חבירו׳, איז **דאָס אַ כלי פאר קבלת התורה.** יעדעס מאָל וואָס מען אַרבעט מיט׳ן הארץ גרייט מען אן אַ כלי אַז שפּעטער ווען מ׳וועט דאַרפן באַקומען די תורה, ווען מ׳וועט מתפלל זיין ׳ותן בלבנו בינה להבין ולהשכיל׳ **וועט מען האָבן די כלי וואָס ס׳פּאָדערט זיך.** דורכדעם וואָס דו ביזט געווען אַ ׳נושא בעול עם חבירו׳ האָסטו באַקומען אַ שלימות הנפש, און אַדאַנק דעם וועסטו האָבן די ריכטיגע הבנת התורה צו פאַרשטיין ׳את המעשה אשר יעשון׳.

## מיט אַ טהרת הלב קען מען מאַכן ריכטיגע החלטות

איינס פון די יסודות פון פּנימיות התורה, איז אַז עס זענען דאָ זאַכן וואָס שטייט נישט בפירוש, **אָבער דער אויבערשטער וויל אַז דאָס האַרץ זאָל עס דערהערן.** צומאָל טרעפט זיך דער מענטש מיט פאַרשידענע

ספיקות וואָס קיינער קען אים נישט ענטפערן; ס'איז אַזעלכע איידעלע נקודות וואס ס'איז כמעט אוממעגליך צו דערהערן וועלכע זייט איז ריכטיג און ער קען עס נישט אַליין פסק'נען. אַסאַך מאָל איז אפילו נישט שייך אַז ער זאָל פרעגן פון אַ צווייטן, ווייל ער קען נישט מסביר זיין די גאַנצע עומק וואָס ליגט אין די שאלה, און צומאָל איז נישט שייך טעכניש צו פרעגן קיינעם. אויב אַזוי, וואָס וויל דער אויבערשטער פון דעם מענטש?

די תשובה שטייט אין פסוק (תהלים ב, יב): **נַשְּׁקוּ בַר פֶּן יֶאֱנַף וְתֹאבְדוּ דֶרֶךְ כִּי יִבְעַר כִּמְעַט אַפּוֹ אַשְׁרֵי כָּל חוֹסֵי בוֹ.** אַ איד דארף בויען אַ טהרת הלב, אַז דאָס זאָל אים העלפן ווען ער דאַרף מכריע זיין ספיקות, **זאָל ער האָבן די כלים דערצו.** ער האָט אַ ריינע האַרץ וואָס פאָדערט זיך צו קענען מאַכן אַזאַ החלטה.

ביי יעדע ספק איז דאך אַלעמאָל דאָ צדדים לכאן ולכאן, די אַרבעט איז נאָר צו שוקל זיין אַלע צדדים און זען וואָס ס'וועגט איבער. ס'איז נישט אַזוי פשוט און אַסאַך מאָל האָבן מענטשן ערנסטע ספיקות,ביידע זייטן זענען זייער שטאַרקע סברות, ווער זאָגט אַז די אַנדערע צד איז שטאַרקער. דערפאַר דאַרף מען האָבן אַ טהרת הלב צו מאַכן די גוטע החלטה.

דאָס איז פונקט ווי פנימיות התורה, וואָס ווערט אָנגערופן חכמת הנסתר, כאָטש יעדער קען עפענען די ספרים, און ס'איז היינט אויך דאָ שיעורים פאר מתחילים וואו מ'קען אַלעס פאַרשטיין. פאַרוואָס הייסט עס חכמת הנסתר? **ווייל מ'דאַרף האָבן אַ טהרת הלב צו קענען דערהערן די טיפערע משמעות וואָס ליגט 'אונטער' די אַלע סימנים און אותיות.** דאָס זעלבע איז ווען ס'קומט צו זאַכן וואָס זענען נוגע די נגלה'דיגע חלק פון דעם מענטש'נס לעבן, איז אויך דאָ אַסאַך מצבים וואָס ווען ער וועט האָבן אַ טהרת הלב, וועט ער האָבן כלים צו פאַרשטיין די ריכטיגע מהלך וואָס ער זאָל טון.

# נקודה למחשבה

## פאַרוואָס דארף אַ פרוי רוח הקודש?

### די רוח הקודש פון אידישע מאַמעס

דער הייליגער בית אהרן זי"ע איז אַמאָל געגאַנגען מיט זיין זון רבי אשר זי"ע פרייטאָג ערב שבת קודש און זיי האָבן געזען ווי ס'גייט אַרויס אַ רויעך פון די קוימענעס פון אידישע שטיבער וואו מ'קאָכט און מ'באַקט פאַר שב"ק. האָט דער בית אהרן געזאָגט: "דו זעסט מיין קינד, מלאכים גייען אַרויס פון די קוימענעס. אידישע פרויען קענען אָנקומען צו מדריגות פון רוח הקודש דורכדעם וואָס זיי פלאָגן זיך אָנצוגרייטן אויף שב"ק, נאר אויב מ'ווערט ברוגז פאַרלירט מען אַלעס".

ס'איז געווען אַ חשוב'ע רביצין, אשת החסיד רבי **מאיר פילטשיק** ז"ל, וואָס האָט אַמאָל געפרעגט אויף די מעשה: פאַרוואָס דארף אַ פרוי האָבן רוח הקודש? אויב האָט זי אַ שאלה, פרעגט זי איר מאַן. אויב האָט זי גאָר אַ גרויסע שאלה, קען זי פרעגן דעם רבי'ן, פאַרוואָס דאַרף אַ פרוי האָבן רוח הקודש?...

### צוטרעפן די ריכטיגע תשובה איז אַ רוח הקודש...

נאר - האָט זי געענטפערט - אַז אַמאָל מאַכט זיך אַז מ'דאַרף געבן אן ענטפער פאר אַ קינד אויף דער סעקונדע, און מ'דאַרף קענען וויסן וואָס דאָס קינד שפירט יעצט, און וועלכע תשובה ס'וועט אַרבעטן.

אַסאַך מאָל זאָגן עלטערן אַלעס ריכטיג, אָבער ס'האָט אנגעצינדן אַזאַ פייער, אַז עס געדויערט נאָכדעם צוויי וואָכן אַראָפּצונעמען דעם שאָדן וואָס איז דאָ געשען... און אַמאָל זאָגן די עלטערן אַ תשובה וואָס לויט אַלע כללים פון חינוך איז עס געווען אַ נאַרישקייט, אָבער למעשה האָט עס מורא'דיג געאַרבעט...

מ'קען נישט פאָראויסזאָגן די זאַכן, **דאָס האָט צוטון נאר מיט'ן יודע תעלומות.** וויפיל מ'פרעגט זיך נאָך, וויפיל מ'לערנט זיך, וויפיל מ'הערט זיך אן, איז דאָס אַלעס גוט פאר השתדלות, און אַז מ'זאָל נישט זיין קיין בעל גאוה... אָבער מכוון זיין צום אמת אויף דער מינוט? דאָס איז ריין סייעתא דשמיא פון הימל!

### וטהר לבנו לעבדך באמת

די טהרת הלב וואָס אַ איד דארף האָבן כדי צו משיג זיין תורה, איז אים וויכטיג אויף יעדן טריט און שריט ממש, סיי פאר מענער און פאר פרויען. **ס'איז נישט שייך צו מכוון זיין צום אמת אָן דעם.** דורך די טהרת הלב איז מען זוכה צו סייעתא דשמיא.

איי, וועט דער מענטש פרעגן: איך בין דען אויף יענע דרגא צו האָבן טהרת הלב?

דער תירוץ איז, אַז מ'קען בויען דעם טהרת הלב. ערשטנס, **דורך אַ ווארימקייט און אַ קאָך צו דברים שבקדושה.** צווייטנס, דורכדעם וואָס מ'דערהערט דאָס גרויסקייט פון אַ איד און דאָס גרויסקייט פון דעם רבוש"ע, **דאָס זינגען און געדענקן 'אשריכם ישראל' העלפט פאר טהרת הלב,** און דריטנס, דורכדעם וואָס **מ'נוצט דאָס האַרץ,** מ'איז נושא בעול פאר אַ צווייטן איד מיט רגשי הלב, אויב מ'טוט דאָס מיט די ריכטיגע כוונה, וועט דאָס רייניגן דעם לב. און ס'איז אויך דאָ אַ פערטע זאַך: ווען מ'איז לוחם מיט זיך אַליין **נישט צו זאָגן האַלבע ליגנטס וואָס מ'וויל זאָגן צוליב אייגענע נגיעות.** ווען מ'האַלט זיך צוריק דערפון באַקומט מען אַ טהרת הלב וואָס העלפט צו מצליח זיין בתורה.

### די ריכטיגע הצלחה בתורה - אַ וואַרעם אידיש האַרץ

וואָס הייסט מצליח זיין בתורה? אַמאָל איז דאָ אַ מענטש וואָס ער פאַרשטייט נישט וויאַזוי מ'רעדט מיט אַ צווייטן; ער פאַרשטייט נישט וויאַזוי אַריינצוברענגען אַ וואַרעמקייט אין שטוב; ער פאַרשטייט נישט צו אַ דאַווענען, זיין מח איז ווי אַ קאָמפּיוטער, ער קען דיר זאָגן גאָר אַסאַך ידיעות, אָבער ער האָט נישט קיין האַרץ. **דאָס הייסט נישט אַז ער האָט מצליח געווען בתורה.**

יעדער מענטש האָט טעותים מיט דורכפעלער, אָבער איינער וואָס איז מצליח בתורה, האָט אַ וואַרעמקייט אין האַרץ. ער איז וויניגער פוגע אין אַנדערע מענטשן, ער האַלט וויניגער פון זיך, ער האָט די ריכטיגע געפילן בעת צרה, **דאָס איז טייטש אַז דער מענטש איז מצליח אין תורה!** מ'זעט אויף דעם איד אַז די שכינה רוהט אויף אים, ער לעבט מיט יראת שמים, ער האָט די ריכטיגע געפילן ביי יעדע סיטואַציע, ער ווייסט ווען מ'דאַרף גיין אַביסל שטרענגער און ווען מ'דאַרף גיין אַביסל ווייכער. די כללים פון 'שמאל דוחה וימין מקרבת' איז דען נישט קיין זאַך וואָס דער אויבערשטער דארף מגלה זיין? וואו איז די ליניע? די 'ימין מקרבת' דאַרף דאָך קומען פונעם ריכטיגן פלאַץ. ביי רוב מענטשן קומט דאָס נאר ווייל זיי באַקומען אַ היתר צו זיין לויז ביז זיבעציג פראָצענט... "זיבעציג פראָצענט דאַרף איך נישט שרייען. די אַנדערע דרייסיג? נו, בין איך נישט קיין מושלם". דאָס אַרבעט נישט אַזוי. מען דאַרף לוחם זיין מיט זיך אַליין צו בויען אַ טהרת הלב.

באמת איז די שלימות פון האַרץ **אַ זאַך וואָס נאָר דער רבוש"ע קען אונז געבן,** אָבער אַ איד דארף טון אַלע השתדלות וואָס ער קען, דאָס צו באַקומען. און ווען דער מענטש טוט דאָס פון זיין זייט, דעמאָלט ווערט אַן אתערותא דלעילא אַז דער רבוש"ע גיט אים טהרת הלב פון הימל, וחננו מאתך חכמה בינה ודעת.


פטרון החודש

נתנדב על ידי
מו"ה החפץ בעילום שם הי"ו
לעילוי נשמת
הרה"ק ר' משה לייב מסאסוב זי"ע
לזכות ברכה והצלחה בכל העניינים

פטרון הפצה

נתנדב לעילוי נשמתו הטהורה של האברך היקר הבלתי נשכח, מאריות שבחבורה עבד את בוראו בתמימות
ר' שרגא אליהו ז"ל בן יבלחט"א הרה"ח ר' חיים אלעזר דוד געשטעטנר
נחטף בדמי ימיו בן ל"ג ביום ל"ג ביום האסון ל"ג בעומר תשפ"א
לדאבון לב כל מכריו וידידיו
תהא נשמתו צרורה בצרור החיים

קול הבינני

| | |
|---|---|
| ארה"ב | 718. 686. 8300 |
| א"י | 072. 257. 7726 |
| בריטניה | 0333. 070. 6585 |
| בלגיה | 0480. 20. 16. 18 |

לקבל הגליון בקביעות ע"י אימייל - info@machonhavineini. com

ניתן להשיג הגליון במקומות הבאים:

בארא פארק
ביהמ"ד סאטמאר 53 לאקער #62
ביהמ"ד קראסנא לאקער #166
ביהמ"ד ראחמיסטריווקא–ליד המקוה
ביהמ"ד טאהש–ליד המקוה
The Winery 18 Ave

וויליאמסבורג:
ביהמ"ד סאטמאר–בנין בראך–לאקער #213
ביהמ"ד בראשוב–לאקער 58Central Market
ביהמ"ד וויען–שמש שטיבעל
ביהמ"ד קראלי–שמש שטיבעל

מאנסי.
ביהמ"ד ויואל משה סאטמאר לאקער 40
ביהמ"ד סאטמאר 13 לאקער 25
ביהמ"ד הגדול וויזניץ לאקער 219
ביהמ"ד ווילעדניק
ביהמ"ד נצח ישראל פארשעי
ביהמ"ד סטאלין
ביהמ"ד ראדאשיץ עירמאנט
ביהמ"ד סאטמאר בנין שיף

קרית יואל
ביהמ"ד אהל פיגא
ביהמ"ד בית אלעזר
ביהמ"ד בית מנחם זאב
ביהמ"ד ישמח משה
ביהמ"ד אבני צדק
ביהמ"ד רב טוב
ביהמ"ד בית דוב

לאנדאן
ביהמ"ד סאטמאר 26 לאקער 42
ביהמ"ד וויזשניץ לונדון לאקאר 25
ביהמ"ד ביאלא 45 לאקער 33
ביהמ"ד בית התלמוד ליד הביהמ"ד
ביהמ"ד חברה ש"ס בביהמ"